STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11642

6 MILYON 6 TEG

Yitshak Yerushalmi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ירושלמי

6 מיליאָן — 6 טעג

דער קינסטלערין **שושנה ירושלמי,** מיין לעבנס־באַגלייטערין, וואָס באַשיינט מיט אירע אין קור־פער געהעמערטע בילדער די אויסגאַבע, ווידמע איך מיין ערשטלינג.

יצחק ירושלמי

6 מיליאָן 6 טעג

לידער - זאַמלונג

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אביב, 1970

יצחק ירושלמי

6 מיליאָן — 6 טעג

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

גערדרוקט אין ישראל
Printed in Israel

דפוס „אור" בע"מ — שד' הר־ציון 104, תל־אביב

אינהאַלט

ישראל מיין לאַנד	27
מיין יידישער נשיא	28
דיין געזאַנג	29
גאָלדע	30
יום העצמאות	31
צו דיר צה״ל	32
מיין רחובות	33
פּרינצעסין שבת	35
מאַרק שאַגאַל	37
שיר הבוקרים	38
המוביל	41
מיין גאָט	42
די פּיר	43
אומעטום ייד	44
רוים און ירושלים	46
ביינער	47
לויט ישעיהו	48
מענטש	49
נחמה	50
צום נייעם עולה	52
רעגן	58

אַ בריוו	59
דעם שונא אַנטקעגן	61
צעריסענע הימלען	64
אונדזער יצירה	65
מיין וויינגאָרטן	66
יידיש	67
6 מיליאָן — 6 טעג	69
אַ דין־תורה	76
הדר־יאָרן	78
לאָדזש	80
דער פויפּסט	84
מאַמע עטל	87
ירושלים באַפרייט	89
משה בראָדערזאָן	90
האַרבסט־מאָטיוון	93
אַ פליער	94
דאָס בלוט פון נעגער	95
זאָג מיר מאַמע	97
הורה	98
לילה־לילה	100

אַלעמען, וועלכע האָבן מיר דערמעגלעכט מאַטעריעל, מאָראַליש און מיט ליטעראַרישע אָנווייזונגען אַרויסצוגעבן מיין ערשט בוך לידער —

אונדזער נשיא המדינה — שניאור זלמן שזר

די דיכטער — חיים־לייב פוקס
בונים העלער

דעם חבר — צבי קיפּער

רעדאַקטאָר — ישראל חדש

זשורנאַליסט — י. אַדאַמסקי

ראש העיר — שמואל רעכטמאַן

די חברים פון ועדה ציבורית אין רחובות —
משה ברזילי
משה אדלבוים
קלמן ביאַלער
יצחק יעקובי
ד"ר זאב טבע
אריה לעווין
ד"ר בצלאל נאור
דוד פרח
אליהו חזן
יוסי ווייס

אַ האַרציקן דאַנק

לשכת נשיא המדינה

ירושלים, כ' שבט תשכ"ד
3 בפברואר 1964

לכבוד
מר יצחק חיים ירושלמי
רחוב הדגניות 11
שכונת חבצלת
רחובות

מר ירושלמי הנכבד,

נשיא המדינה בקש ממני להודות לך על מכתבך,
מיום יג' שבט תשכ"ד, ועל השיר מפרי עטך ששלחת אליו, המוקדש
לפגישת הנשיא עם האפיפיור.

הנשיא בקש ממני להעביר אליך את ברכתו ודברי
הערכתו.

בכבוד רב

דוד ברטוב
מנהל הלשכה

דב/טב

החשמלאי והמשורר

מאת יצחק יעקבי

שני יצרים בלבו של יצחק ירושלמי: התשוקה לעבודת כפיים והצורך בשירה. אלו שתי אהבות, והוא מתאמץ לאזנן זו כנגד זו. העבודה היא לו סדן לשירתו ושירתו מחזק זיקתו לעבודת־כפיים.

יצחק ירושלמי נולד ב־1907 בלודז׳ שבפולין להורים אדוקים מאד. אביו היה תעשיין בענף הטקסטיל. הוא היה הילד התשיעי במשפחה, ואחריו נולדו עוד חמישה. אף איש מבני המשפחה הענפה לא נותר בחיים. עוד בצעירותו ניסה ירושלמי להתמרד בשלוש צורות בדרך אבותיו. ראשית, התפקר. שנית, ביקש לאכול מיגיע כפיו. והגרוע מכל — לא רצה לחכות לביאת המשיח, אלא עלה לארץ בנעוריו. במעשה זה שרף כמעט כל הגשרים אל בית הוריו. לפני עלייתו למד חשמלאות, וממנה ניסה להתפרנס. אביו לא הסכים, כמובן, לדרך שבחר הבן. כלום יאה לבחור יהודי, בן לתעשיין, להיות בעל מלאכה?

עוד בצעירותו קסם לו גם התיאטרון. אולי מפני שאינו מצלם את המציאות של הרחוב, אלא מגלה לא־אחת עולמות אחרים. ירושלמי עבד כחשמלאי על במת התיאטרון, ומאחורי הקלעים נוכח שגם שם שוררת מציאות הרחוב. מן העבודה הזאת הלך להכשרה חלוצית, וממנה הוליכה הדרך לארץ. בימי שבתו במחנה תהכרשה היה פוגרום שערכו פולנים בעיירה פשיטיק. אז התעורר

בו היצר להתבטא, להעלות רגשותיו של יהודי במציאות הקודרת, וכך הגיע לכתיבה בחרוזים.

עבודתו בתיאטרון קירבה אותו למשוררים כמו יצחק קצנלסון, משה ברודרזון, שלום אַש, י. לייוויק, י. מ. ניימן, י. טרונק, איציק מנגר, אלתר קציזנה ואחרים. סיפוק רב בא לו מיציקת מים על ידי כוהני השירה. כל ימיו נמשך לתרבות, ספרות, ספרות יהודית, לשירה ביידיש ובעברית, ולמשוררים. אולי משום מורשת החסידות מבית אבא.

בשנת 1934 עלה לארץ, הלך לקיבוץ, וכעבור שנה יצא לתל־אביב, מצא עבודה כחשמלאי במה בתיאטרון „אהל". אחר־כך עבר לעבוד במקצועו בבית־חולים קפלן. 15 שנה עבד שם. כלום אין עבודה כזאת נמאסת על אדם? חלילה! האפשרות הניתנת לך לסייע לחולה, כל יום מחדש, אם על ידי הכוונת האור ליד מיטתו, התקנת מיתקן לחמצן, מאורר — בכל אלה יש כעין „הצגת בכורה" כל יום מחדש. בהלכו בפרוזדורים הארוכים של בית החולים ממחלקה למחלקה, ירושלמי מהרר לא־אחת בעשירותו של אדם בריא בכל אבריו המסוגל לנוע בכוחות עצמו. יום־יום הוא מברך על כך מחדש.

אבל באותם הפרוזדורים הארוכים של בית־החולים נולדים גם רעיונות ההופכים לחרוזים ולפרקי שירה, ובשובו הביתה הוא מנסה להעלותם על הכתב. לרוב נוהג לפרסם שיריו בעתוני יידיש בארץ, או בארצות־הברית ובדרום אמריקה.

ירושלמי אינו צועד בשולי החיים כצופה מן הצד. להיפך, הוא שותף מלא להם, וכל מאורע בחיי הארץ מטביע חותמו בנפשו ומבקש ממנו ביטוי. יש לו גם נטיה לזמר ולא־אחת מתפזם לו לחן לשיר שלו, לפעמים בשעת עבודה, בפיזום או בשריקה, ובבית יש שהוא אף מנציחו בהקלטה על סרט.

במקום עבודתו קרוב הוא לשני קטבי החיים — לידה ומוות, וביניהם ואחריהם שמחה וצער... והלא אלה הם אדני השירה... דומה

עליו, על יצחק ירושלמי החשמלאי, שהוא מהלך ממש בין בתי שיר...

איך נולד שיר? חוטים ומאלה נטווית רקמה. אבל לא טוב כשצריך להתייגע על מלה וחרוז, אזי השיר חיוור. הוא צריך להשתפך מאליו, הליטוש איננו אלא בגדר תיקון.

כלום אין המלאכה מפריעה ליצירה? להיפך. העבודה מולידה שיר. ואילו נהפכה לו הכתיבה לעבודה, ספק אם היו נולדים שירים. מה עדיף ממה, עבודתו או שירתו? ודאי העבודה. כי ממנה בא לשירה. ניסה פעם לכתוב עברית. נזדמן אברהם שלונסקי לבדיקות בקפלן, וירושלמי הראה לו שיר שלו בעברית. אמר לו שלונסקי: „ירושלמי, אנא, בלי התחרות. אני אכתוב בעברית ואתה תמשיך ביידיש".

לא מכבר ארגנה מועצת פועלי רחובות ערב לשירתו של ירושלמי. באו כמה מאות מתושבי רחובות להאזין וגמלו לירושלמי אהדה וברכה.

(„דבר")

הוא חשמלאי, היא גננת בי"ח קפלן אך בבית שולטות המוזות

— מאת ע. גרא —

הרחק מהמוזיאונים ומבתי התרבות שבערים הגדולות, בשכונה שלווה וקטנה בקצווי רחו־בות, נקלענו ליום אחד לבית שיש בו ספרות ואמנות — בית ששני בעליו, ששוב אינם צעי־רים, משמשים כסמל ליצירה מקורית.

בית ירושלמי בשכונת חבצלת ברחובות הוא, לכאורה, בית ככל בתי השכונה: דו־משפחתי, גן לפני הבית וכיו"ב. אך הנכנס לתוכו חש שנקלע למעין תערוכת אמנות זוטא. קירות חדר האורחים מכוסים בצפיפות בריקועי נחושת מעשה ידיה של עקרת הבית, שושנה, ואילו על מדפי ארונות הספרים מונחים תקליטים ועתונים בהם מצאו ביטוי שיריו ומנגינותיו של יצחק ירושלמי.

☆

יצחק ירושלמי משמש עתה כחשמלאי ראשי בבית־החולים „קפלן", הוא עוסק איפוא, בזרמי חשמל אך את „המתח הגבוה" הוא שומר „למחצית" השנייה של חייו — השירה והמוזיקה. תחילת דרכו באמנות היתה דווקא בתיאטרון. „אני

הייתי בין מייסדי התיאטרון הסטירי ארדט״ — הוא מספר — „השותפים שלי בהקמת תיאטרון היו שומכר ז״ל ודז׳יגן״. כשבא ארצה היתה הכניסה לתיאטרון בבחינת קריעת ים־סוף. אך יצחק ירושלמי אינו יכול לוותר על אושר התיאטרון. על כן הסכים „לשחק״ מאחורי הקלעים ב„אהל״ כ...חשמלאי ראשי. תפקיד זה מילא במשך 15 שנה.

בשנים האחרונות צלחה עליו רוח השירה. תחום הכתיבה שלו הוא באידיש והוא קיבל על עצמו את המשימה — שאולי שמורה עמה כפיות טובה — להריק מכלי אל כלי. הוא מתרגם שירים מעברית לאידיש וכך הופיע תקליט ובו שירים באידיש של „לילה לילה״, „ערב בא״ ותרגומים אחרים. התקליט מכיל גם שירים מקוריים של ירושלמי, הן בתמליל והן במוזיקה, כגון „כולו זכאי״, או שירים שהמוזיקה שלהם חוברה על־ידי קומפוזיטורים כזעירא ואחרים כגון „המוביל הארצי״, „אקסודוס״ ועוד. המבצעת היא שרה יערי. תקליט זה הוא נכס אמנותי לדוברי האידיש ו„קול־ישראל״ משדר שירים המופיעים בו בפינות האידיש של תכניותיו. לכבוד הוצאתו לאור של התקליט — שזכה אף להדים בחוץ־לארץ — ערכה מועצת פועלי רחובות והעיריה מסיבה למחבר.

„במקום לפנות אל האדם״ — אומר ירושלמי — „בחוברות הסברה יבשות, אני מבכר את הקשר הנפשי אליו השיר מדבר אל הנשמה. כתבתי פעם שיר על מארק שאגאל ונתנו לו לקרוא אותו. האמן בכה... כתבתי שיר, ,רומא וירושלים׳ על פגישת הנשיא והאפיפיור והשיר נקרא בהרגשות על־ידי הנשיא שזר.

☆

אשתו שושנה עוסקת בציור וריקוע נחושת. אני למדתי בפולין בבית־ספר לאמנות״ — היא מספרת — „והשתלמתי באקדמיה לאמנות. אך כשבאנו ארצה (לפני 35 שנה) לא יכולנו להתפנות לאמנות. היינו צריכים לדאוג לפרנסת הבית ולחינוך שני ילדי־

נו". כשבגרו שני הבנים החלה גברת ירושלמי להרגיש „שהאמנות חסרה לי כמו לחם".

היא החלה לרקע ציורים על לוחות נחושת. בשטח זה השיגה ביטוי פלאַסטי נאה. היא פיתחה שיטה של רקוע עמוק המשווה ליצירותיה עומק אמנותי רב: בקרוב תוצג תערוכה של יצירותיה ברחובות. על קירות החדר יכול המבקר להבחין בתמונות של שואב מים הנושא אסל ושני דליים, נופים רועה צאן המוליך את עדרו, אשכול ענבים וכיו"ב. גברת ירושלמי שהיא גננת במחלקת הילדים בבית החולים „קפלן", יכולה להתפנות לעבודתה האמנותית רק אחרי העבודה „לרוב אני עובדת בשבתות. זו המנוחה הנפשית שלי". עם עלות השחר נשמע קול נקישות אביזריה ואזמליה בהם היא משתמשת לצורך בקועיה. האין זה מפריע למנוחת השכנים? — „להיפך" מחייכת שושנה ירושלמי — הם נהנים מהיצירות שלי".

☆

יצחק ירושלמי מביא אל ביתו מתח גבוה אותו הוא משקיע בעבודתו האמנותית בבית. אך כשהוא הולך אל בית החולים, לעבודה, הוא מביא לשם את המוזות אל החולים המאושפזים במוסד. בכך הוא מסייע להם להתגבר על חוליים.

(„מעריב", 5.8.65)

בית — והוא משכן

שבתי קפלן („על המשמר)

איננו יודע אם „צוק בטן" הוא ברכה או קללה אך דבר אחד הוא ברור: מי ש„צוק" זה נגזר עליו, אינו פטור ממנו ובדיעבד נושאו באהבה.

„צוק־הבטן", יש שהוא ציור, יש שהוא פיסול — ויש שהוא שירה. זה־כן־זה אינו מניח לבעליו, רודף אותו בקומו ובשוכבו, בעבודתו ובמנוחתו אין מנוס מן „המציק".

מי שתציקנו בבטנו, מן הטבע הוא שאינו „בריה נוחה", אינו נוח למשפחה, אינו נוח למעסיקו, אינו נוח לבריות. הנך עומד ומדבר אתו והוא שוקע פתאום בהירהור, הוזה הלום, עובר לעולם אחר. אם אחד במשפחה הוא כזה — חצי צרה, אך כאשר יציקו הבטנים השתיים — מה דמות תהי לבית?...

בשכונת הבצלת, ליד רחובות, יש בית — שהוא מישכן. „מישכן־אמנות" פרטי. הקירות — גאַלרייה. מכוסים תמונות מכחול ותבליטי־נחושת. אינם משאירים מקום פנוי מהם. הללו דוברים, מספרים על דמויות, על גופים, זועקים מקיר. שעות הפנאי של בעלי־הבית, משפחת ירושלמי, נתונות לאמנות. היא — לאמנות המקבת; הוא — לאמנות הניב והקצב.

על הקיר, בתבליטי־הנחושת, משתקפים חייה וחוויותיה של שושנה: קן־החסידות שעל הגג, איכרה מושכת עז — נוף ילדותה;

ג׳יראפה זוקפת צוואר, נשר פורש כנפיים בהרים — געגועים לזקיפות־קומה ולדרור ולידם — נוף הארץ: בדואי רועה עדרו עם עלות השמש; ערביה נושאת כד על ראשה. ובמרכז — האטרק־ציה: „קידוש השם״. יהודי־עבדקן נושא ספר־תורה אפוף להבות. אני מסתכל ארוכות בתבליט. „הדמות — דמותו של סבא שלי״ לוחשת על אוזני שושנה.

לא קל לדפוק במקבת על גבי לוח־הנחושת אחרי העבודה או ביום המנוחה, אך „חולי״ הוא בשושנה, חולת־אהבה היא לריקוע ארבעה נושאים חדשים כבר שמורים ב„אמתחת־רוחה״ ומחכים לגואלתם שתתפנה.

יצחק ירושלמי — „חוליו״ הוא הניב השירי ובלשון יידיש. בימי נעוריו יצק מים על ידי סופרים ואנשי תיאטרון בעירו לודז׳. הוא הסתופף במחיצתם של משה ברודרזון, איציק מאנגר, הרץ גרוסבארד והיה „משמש בקודש״. גם בארץ, אליה הגיע בשנת 1935, נקלע, שלא במקרה, אל מחיצתו של תיאטרון „אהל״ ושימשו כעובד טכני; ידיו עשו מאחורי הקלעים אך עיניו היו בבמה. לא פעם היה מעיר לשחקנים את הערותיו והן היו נשמעות.

יצחק ירושלמי, העובד היום בבית־החולים קפלן כחשמלאי, כותב שירים ביידיש עוד מפולין שמור עמו קונטרס שירים בכתב־יד. שירו על ״פשיטיק״ מלא תוכחה, שמשה רבנו מוכיח את ישו: בוא, ראה, הייעשה כדבר הזה בוש לך!

בארץ מתפרסמים שיריו בעתונות היידית, ותוכנם: סיפור גדולת ישראל והישגיה, זעקה על המדווים. בשיריו אלה הוא רואה שליחות: להאיר את עיני העולה החדש ממזרח אירופה, ששפת עבר סתומה בפניו אינה מדברת אל נפשו, לשתפו במעשי הבניין והיצירה. להשלמת שליחות זו הוא מתרגם ליידיש שירי־עם עבריים ומקליטם בתקליט. רצונכם לשמוע את „לילה לילה״ לאלתרמן, את „שיר הפינג׳אן״, או שיר על המובלי־הארצי ב„מאַמע־לשון״ — סורו אל המשכן בשכונת חבצלת וישמיעם באוזניכם.

גם מחבר לחנים הוא. לכתוב תווים אינו יודע, מה יעשה

איפוא כאשר לחן נתקע לו במוחו בשעת עבודתו? „משנן אני בקרבי את הלחן, שנה וחזור עד שבא הביתה ורושמו ברשמקול".

הבית — משכן; והשוכנים בו — השכינה נחה עליהם.

כאשר תשמעו בשכונת חבצלת קול משק פטיש תדעו: זוהי שושנה. כאשר תפגשו ביצחק מהלך מהורהר קימעה ולבו בל עמכם — להווי ידוע לכם, שלא טינה לו, חלילה, עליכם כי־אם איזה לחן או שיר „מתלבט" במוחו והוא חושש לאבדם.

לאחרונה שבעו „הזוג ירושלמי" מעט נחת. שיריו־לחניו מוקלטים ב„קול־ישראל"; תקליטו עומד להופיע לתפוצה וה„מי־ומי" בציבור הפועלים ברחובות ושוחרי התרבות בו ערכו ל„זוג האמנותי" מסיבה אינטימית.

בחבצלת — בית שהוא משכן. ועל שוכניו נחה השכינה.

(„על המשמר")

פאַרדינטע אַנערקענונג
פאַר אונדזער מיטאַרבעטער יצחק ירושלמי

— פון בן אברהם —

פאַריקן זונטיק האָט רחובות געפייערט אַ באַזונדערן יום־טוב דער שטאָט־ראָט און דער אַרבעטער־ראָט האָבן איינגעאָרדנט אַן אָוונט געווידמעט אונדזער מיטארבעטער דעם דיכטער יצחק ירושלמי, וועמענס לידער ווערן אָפט פאַרעפנטלעכט אין דער „יידישער צייטונג".

יצחק ירושלמי איז אַ לאַנג־יעריקער תושב פון רחובות, און אזוי ווי לעבן פון רייגער דיכטונג איז בכלל שווער און פון יידישער דיכטונג איז כמעט אוממעגלעך — ארבעט ער אלס עלעקטריציסט אין שפיטאָל „קפלן" און מען זאָגט, אז ער איז אַ גוטער עלעקטריציסט, זיין נשמה איז פול מיט דיכטונג און פאַר איר לעבט ער.

ער איז אַ קינד פון לאָדז, פון דער אינדוסטריעלער שטאָט אין אמאָליקן פוילן, אַ שטאָט פון טעקסטיל, אַ שטאָט אַ יידישע — פון אַרבעטער און כאַלופניקעס, יידישע פאַבריקאַנטן, אָבער הויפטזעכלעך „עמך" יידן טיף איינגעוואָרצלט אין יידישער קול־טור, יידישן ליד, יידישער טראַדיציע, יידיש שפּראַצנדיקן לעבן. דאָרט האָבן זיך אַנטוויקלט אלע געזעלשאַפטלעכע, סאָציאַלע באַוועגונגען פון קאָמוניזם ביזן חסידישן שטיבל.

יִצחק ירושלמי האָט איינגעזויגן אין זיך אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן און נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן מיטגעארבעט מיטן דעמאָלסט־נאָך יונגן „אררט״ טעאַטער, וועמענס וויגעלע איז געווען טאַקע לאָדזש.

אין די 30־ער יאָרן איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און מיטגעבראכט מיט זיך דעם גאַנצן „באַגאַזש״! דאָס ליד, דאָס וואָרט, די בענקעניש פון בעלכאַטאָוו, פון דער פּיאָטרקאָווער, פון ווידזעווו. ער האָט געבראכט דאָס „שטיבל״ און דעם „החלוץ״ — און דאָס אַלץ איז ביי אים רייף געוואָרן און אין זיינע לידער — אַרויסגעבראַכט.

ער שרייבט און זינגט. ער האָט ארויסגעגעבן אַ פּלאַטע מיט ישראל־לידער אויף יידיש און איצט גרייט זיך אַ צווייטע, הויפּט־זעכלעך געווידמעט דער 6־טאָגיקער מלחמה, דעם צה״ל, דער העלדישקייט פון אונדזער פאָלק.

☆

דער אָוונט איז געעפנט געוואָרן דורך חנה רוזן, אַ גאָט־געבענטשטע רעציטאַטאָרין, אַ וואַרשעווערין פון פתח תקוה. זי אליין לעבט אויך אין די „הימלען״ און איר הארץ האָט זי ארייגעלייגט אין די „6 מיליאָן — 6 טעג״, די פּאָעמע פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, וועלכע יצחק פירט אַרויס פון די קאַלך־אויוונס פון אוישוויץ און טרעבלינקאַ און פירט זיי איבער סיני — און זיי, די נשמות, פון די געפאַלענע דאָרט, זיי קעמפן צוזאַמען מיט זייערע קינדער און אייניקלעך דאָ קעגן דעם שותפותדיקן שונא.

חנה רוזן איז נישט נאָר אַ פּעאיקע רעציטאַטאָרן. נאָר אויך ביז גאָר אַ פּעאיקע „קאָנפעראַנסיע״ און זי פירט אָן זייער באַגאַבט מיטן אָוונט. מיט אָפּשאַצונגען פון ירושלמיס שאַפונגען און לעבן, טרעטן אַרויס חזן, דער קולטור „הרז״ פון שטאָט־ראַט, דער וויצע בירגערמייסטער סבי כצנלסון, דער סעקרעטאַר פון

אַרבעטער ראַט קלמן ביאַלער, יצחק ירושלמיס בן־עיר און שכן פון דער שכונת חבצלת — דוד פּרת.

אין צווייטן טייל פון פּראָגראַם האָבן זיך אויסגעצייכנט דער יונגער פידלער, זון פון רחובות, מאיר ליגנו, וואָס האָט מיט טיפן געפיל אויסגעפירט אַלטע חסידישע ניגונים און נייע ישראל־לידער, אָבער אַלע — פאַראייניקט אין איין גרויסן ניגון, דער ניגון פון יידישן פאָלק, וואָס איז אויפגעשטאַנען ווי דער פויגל פעניקס תחית המתים פון זיין לעגענדאַרישן שלאָף. דער דאָזיקער ניגון פילט אַזוי אין די „געגועים לירושלים" ווי אין אַלע אַנדערע וואָס זענען געוואָרן איין גאַנצעס.

פיין האָט אַקאָמפּאַנירט הן די רעציטאַטאָרן, הן דעם פידלער — דער פּיאַניסט ש מקסים. מאַריקא ווייַן, וואָס האָט געזונגען די לידער פון יצחק ירושלמי. זייער געלונגען איז אויך געווען דער זינגער אברהם לובינעצקי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט דערפאָלג הן אַלס „סאָלאָ", הן אין אַ דועט מיט מאַריקא ווייַן.

און איבער אַלץ און אַלעמען — האָט „דיריגירט" מיט טאַקט חנה רוזן און די רעציטאַציעס פון די אויסגעוויילטע לידער פון יצחק ירושלמי זענען אויפגענומען געוואָרן מיט שטאַרקע אָוואַציעס פון די הונדערטער אַנוועזנדיקע.

רחובות האָט אָפּגעגעבן דעם פאַרדינטן כבוד איר משורר. דער גרויסער זאַל פון אַרבעטער ראַט אויפן נאָמען פון א. ד. גורדון, איז געווען פול און מיט ליבע האָט דער גרויסער עולם אויפגענומען יצחק און זיין פרוי שושנה, וואָס איז אויך אַ קינסטלע־רין, אַ צייכנערין אין בראָנז — און מיטגעליטן, אָבער אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער שאַפונג פון איר מאַן.

יצחק ירושלמי האָט געשלאָסן דעם אָוונט מיט אַ רירנדיקן „אני מאמין" און געפירט דעם פאַראַלעל פון די זעקס מיליאָן ביז דער באַפרייאונג פון ירושלים, אין וועלכער עס האָט אָנטייל־גענומען זיין זון, יגאל, מיט די פאַראַשוטיסטן. אַ שטיק לעבן, אַ שטיק וועג איז אַריבער דאָס פאָלק פון בעלכאַטאָוו ביזן סועץ־

קאַנאַל — און דאָס אַלץ איז אָפּגעשפּילט געוואָרן אין דעם דאָזיקן זומפּאַרגעסלעכן אָוונט

עס קומט אַ יישר־כּוח דעם פאַרוואַלטונג פון שטאָט־ראַט און דעם אַרבעטער־ראַט פאַר דעם דאָזיקן אָוונט, וואָס איז געווען נישט נאָר אַ באַערונג פאַר יצחק ירושלמי, נאָר אויך פאַר דעם יידישן ליד, יידישער שאַפונג.

ארץ ישראל אין יידיש געזאַנג

— פון י. אַדאַמסקי —

יצחק ירושלמי איז נישט קיין פנים חדשות פאר אונדזערע לייענער. פון צייט צו צייט, האָבן מיר גרויס הנאה פון זיינס אַ ליד, וואָס ווערט געדרוקט אין דער „יידישער צייטונג".

יצחק ירושלמי לעבט מיטן יידישן וואָרט, מיט דער יידישער נשמה, מיטן יידישן ליד, מיט דעם יידישן ניגון. זיי לעבן אין אים און ער לעבט אין זיי. אין אים זענען פאַרקערפערט דורות יידן, פעסטע יידן, איינגעוואָצלטע יידן, יידן שבתדיקע, נשמה־יתרהדיקע. די דורות רבנים און רביים, דער קוזמער יחזקאל, דער קאָזעניצער רבי, זיי אַלע זינגען דורך אים פון צייטן, וואָס זענען אַוועק און וועלן זיך ליידער מער נישט אומקערן.

יצחק ירושלמי לעבט נישט נאָר אין עבר, ער האָט פון אים איבערגענומען די חסידישע דבקות, איינגעזויגן די התלהבות פון דער גאָלדענער קייט, אָבער ער איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן, נישט פאַרבליבן אין די ד' אמות פון דעם קלויז און רבינס טיש, ער האָט יונגערהייט מיט זיין גאנצן יוגנטלעכן ענטוזיאזם פארלאזט זיין שטאָט, לאָדזש, די שטאָט פון די יידישע וועבער, די שטאָט פון „אויפן פריפיטשיק", און עולה געווען קיין ארץ־ישראל און זיך צונויפגעבונדן, פאַרקנסת, החתונה געהאָט מיטן לאַנד, דעם לאַנד פון עבר אָבער אויך פון עתיד, פון צוקונפט.

העכער 30 יאָר לעבט ער אין ישראל און געשאַפן דעם הערלעכן בונד פונעם נייעם לעבן מיט דער אַלטער יידישער שפּראַך. ביי אים זינגט דער גליל אויף יידיש, יידיש רעדט דער נגב, יידיש קייקלט זיך, יידיש זינגט דאָס וואַסער, וואָס פליסט אין „מוביל ארצי״ און אַפילו דער אַלטער — און אפשר גאָר גישט אַלטער, גאָר יונגער משה רבינו, זינגט ביי אים יידיש, ווייל דעם ים האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געקרייצט. די מערהייט פון יידישן פאָלק געפינט זיך דאָרט, פון יענער זייט ים־סוף, כאָטש זיין נאָמען האָט זיך געביטן, הייגט הייסט ער שוואַרצער ים, אַטלאַנטישער אָקעאַן.

משה זינגט פריילעך, זינגט באַפעלנדיק און אויך יצחק זינגט מיט אים כאָטש נישט פון נסים און נפלאות, זיי זענען נאָך פאַר אונדז.

יצחק ירושלמי הערט נאָך וועגן דער „הגנה״ אין לאָדזש. קליין איז נאָך דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל און אויסגעשטעלט אויף אַראַבישע פורעניות. אויך אין ארץ־ישראל האָבן אַראַבער געפּרוווט פאַריאָגן די יידן דורך פּאָגראָמען, אָבער דאָ האָט עקזיסטירט די „הגנה״ און יצחק זינגט:

„מיר װעלן זיך נישט לאָזן שחטן סתם
נישט לאָזן דערטרינקען אין טרערן בלוטיקן ים
מיר געדענקען דעם גלותדיקן ווי
עלה, עלה...״

יצחק ווייסט,

„עס פירט אונדז נישט, דער וועג, דורך בלומען״.
עס פאַלן קרבנות, אָבער עלה, עלה, פאָרויס, פאָרויס...

✡

„אז ישיר״ — איז דער נאָמען פון אַ מוזיקאַלישע פּליטע, וואָס יצחק ירושלמי האָט נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט. אין דער יידישער ראַדיאָ־שעה הערן מיר אָפט און געניסן פון די שיינע לידער. די לידער זענען פאַרשידענע, ווי פאַרשידן ס׳איז אונדזער לעבן,

פריילעך און אומעטיק, אַ טייל איבערגעזעצטע פון עברית, אַ טייל — אייגענע שאַפונגע, אָבער אויך די איבערזעצונג איז אַ פרייע און ס'פילט זיך אין זיי מערער ירושלמי דער איבערזעצער, ווי דער אויטאָר. די מוזיק — אויך פאַרשידן, ווי די לידער, אייגענע און „געבאָרגטע" און געזונגען דורך צוויי אויסגעשולטע, פיינע זינגער שרה יערי און אינא טאָפּער. נאָך דער „שיר הגנה" איז אַ מוזיקאַלישע רעציטאַציע, רעציטירט דורך שמאי ראָזענבלום.

ווי שוין דערמאָנט, שטעלט מיט זיך די פּליטע פאָר די פולפאַרביקייט פון אונדזער ישראל־לעבן, געזונגען דורך אַ מאָדערנעם חסיד פון קוזמיר און קאָזשעניץ. זי הויבט זיך אָן מיטן „עקסאָדוס" — „יציאת אירופה" און גייט איבער צו „אז ישיר משה" — די שיף איז געקומען צום ברעג, די יידן פון „עקסאָדוס" האָבן שוין איבערגעלאָזט נאָך זיך די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, די ענגלישע יאגד, ציפּערן און זעען שוין די צויבערנדיקע ברעגן פון אַלט־ניי־לאַנד.

און דעם ניי־לאַנד „ערב בא" — ס'קומט דער אָוונט, די זון פאַרגייט אין פלאַמען, די אַרבעט אויף די פעלדער איז פאַרענדיקט, שטיל קומט די נאַכט, וואָס באַדייט מנוחה נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. דאָס פּרעכטיקע ליד פון י. אבישר און די מוזיק פון א. לבנון באַקומט אַ ספּעציעלן חן אין דעם דועט פון שרה יערי און אינא טאָפּער.

גלייך נאָכן שטילן „ערב בא" קומט אַ „פּריילעכס" — כולו זכאי" — חסידישע בענקעניש נאָך דעם „ביאת המשיח". ווי באַקאַנט וועט משיח בן דוד קומען ווען די וועלט וועט זיין „כולו זכאי" — אַלע צדיקים, אָדער ,חס וחלילה „כולו חייב" — אַלע רשעים. דער חסיד אין יצחק ירושלמי בענקט נאָכן „כולו זכאי" פון וועלכן מיר זענען אַזוי ווייט, נאָך ווייטער ווי פון ברוקלין קיין תל־אביב און אפשר נאָך ווייטער ווי פון ככר דיזנגוף... קיין דגניה.

דער צווייטער טייל פון דער פּליטע, הויבט זיך אָן מיטן

„שיר הגנה״, וועלכן מיר האָבן שוין ציטירט און דעקלאַמירט מיט הארץ דורך שמאי ראָזענבלום. זיין „עלה, עלה״ בינדט זיך מיטן „המוביל״, די קרבנות וואָס זענען געפאַלן זענען נישט געפאַלן אומזיסט דער „מוביל ארצי״ פירט די וואַסערן פון ירדן און באַפרוכפּערט די וויסטעגישן פון נגב. די מוזיק פון עמנואל עמירן „מים מים בששון״ באַקומט אַ באַזונדערן טעם אין די יידישע ווערטער, וואָס פליסן אין די וואַסערן פון „המוביל״ און אַזוי ווי פריער, נאָכן שטורעמדיקן „אז ישיר״ קומט דער שטילער „ערב בא״ — קומט איצט אויך נאָך דעם פריילעכן „המוביל״ — „לילה לילה״ פון נתן אלתרמן מיט דער מוזיק פון מרדכי זעירא. נאָך דער ארבעט קומט די רו, די פאַרדינטע רו, נישט די „נירוואַנא״ פון די אינדוסן, די אייביקע רו פון דעם, וואָס האָט נישט געאַרבעט און נישט געזייט נישט געאַקערט און נישט געשניטן נאָר די רו פון געזונטן האַרעפּאַשניק וואָס רוט כדי מאָרגן קאָנען פאָרזעצן זיין ארבעט פון נעכטן ווייל אין שאַפן „ליגט די שמחה און אויב שמחה — איז „שיר שמח״ — זאָל זיין פריילעך ווייל נאָר פריילעכע, אָפּטימיסטישע, נשמה־יתרהדיקע וועלן מיר קאָנען מאַרשירן פאָרויס, פאָרויס צו דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע אידעאַלן.

איז עס אַ פּליטע, וואָס לאָזט זיך הערן און הערן מיטן גרעסטן גענוס. נאָך מערער ווען אינסטרומענטירט די מוזיק און באַגלייט די זינגער האָט דער באַקאַנטער דיריגענט און קאָמ־פּאָזיטאָר שאול בערעזאָווסקי און עס איז כדאי, אז זי זאָל זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז, אין לאַנד און אויסלאַנד, פון דער און פון יענער זייט ים־סוף.

צום סוף נאָך אַ פּאָר ווערטער — יצחק ירושלמי איז באַגלייט אין זיין לעבן און שאַפן דורך זיין פרוי שושנה, אַ באַגאַבטע קינסטלערין, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין קופּער בלעך אין וועלכער זי האַקט אויס די שענסטע בילדער. אין קורצן דאַרף דורכגעפירט ווערן אין רחובות, ווו זיי וווינען, אַן אויסשטעלונג

פון אירע אַרבעטן. אַ קינסטלערישע פּאָר, ווו די מוזעס לעבן אין הארמאָניע מיט דער טאָג־טעגלעכער, גאָרנישט לייכטער אַרבעט.

(„יידישע צייטונג״)

מיין פריינט שאול בערעזאָווסקי, וואָס האָט אינסטרומענטירט די מוזיק צו מיין פליטע „אז ישיר״, מיין האַרציקסטן דאַנק און אָנערקענונג.

ישראל מיין לאַנד

איך דאַנק דיר מיין גורל, וואָס האָסט מיר באַשערט,
מיין חלום זאָל וואָר זיין, ביי דיר אויף דיין ערד.
פאַר זוניקע שטראַלן וואָס פלאַמען און גליען,
אויף היימישע פעלדער, וואָס זינגען און בליען —
ישראל!

פרימאָרגנס, דיין לופט ווערט מיר נאָענט און זי גלעט מיך
און פאַרנאַכטן, יעדער שטיין, וואָס מיט ליבשאַפט
פאַרבעט מיך
צו טרעטן אויף איר מיט מיינע טריט די מידע
די תפילה און חלום פון דורות מיט יידן —
ישראל!

כ׳בין גליקלעך צו זיין אויך צווישן די בויער,
אַז קאָנען זאָלסט מיר נאָך צעשפרייטן דיין טויער
פאַר אונדזערע ברידערס צער און באַדויער
צו קאָנען זיי היילן פון אומעט און טרויער
ישראל!

איך פאַל אויף די קניען און גיב דיר אַ לויב
מיין טייער ישראל, — דו יידישע טויב,
וואָס פלאַטערט מיט ליבשאַפט איבער זאַמדן און שטויב
צו דיר כ׳בין מתפלל, אין דיין טריישאַפט איך גלויב
ישראל!

מיין יידישער נשיא

ווי שטערן לויכטן אייערע לידער און פינקלען,
ווען איך הער זיי אין מיין לשון, אין יידיש.
ס'ווערן ליכטיקער מיר, מיינע אָרעמע ווינקלען,
ווי אין שעהן פון אַ פריילעכן קידוש.

ווי טייערער וויין אין גאָלדענע בעכערס געגאָסן
מיין האַרץ פאַרפולט, אייערע לירישע סטראָפן.
מיט ליבשאַפט געגערט מיין גלויבן און האָפן:
אַז אין מיין היים וועט אויך בליען מיין יידיש לשון.

עס שיקט אייך, נעמט צו, מיין יידישן לחיים
מיט בענקשאַפט צו אייער געזאַנג פון ירושלים.
— עס בענטשט אייך יידישע אַרבעט און מי,
אַ טייערער משורר — דו יידישער נשיא!

דיין געזאַנג

דעם דיכטער ז. שזר געווידמעט

ווי אַ דורשטיקער וואָס לעכצט נאָך אַ געטראַנק
ווי אַ קינד וואָס דערהערט דעם ערשטן קלאַנג
אַזוי איז מיר דיין וואָרט אין ליד צעבליט
פון דיין נשמה דאָס ליד.

אין צייטן, ווען אונדזער ביקס איז מיט פייער געגליט
אין צייטן, ווען דער טויט האָט אונדזער לעבן געשמידט
האָסטו מיט לידער מיין אמונה גענערט
עס זאָלן טרעטן מיינע פיס אויף יידישער ערד.

איך הער דיין טרייסט־וואָרט, אין פיין, אין צער
סכנות, — אין שעהן פון גזר
איך הער דיין געזאַנג דורך באַרג און דורך טאָל
דיין ליד וואָס לעבט־אויף מיטן סוד פון ישראל.

ג אָ ל ד ע

אַ געלויף, אַ געדרענג,
די גאַסן ווערן ענג.
און עס זינגען אין פרייד
גרויס און קליין, קינד און קייט.

עס פלאַטערן די פאָנען
און ס׳רעדט די מאַמע פון מיליאָנען —
אַ מאַמע פון קינדער מיט גרויע האָר,
מיט ליידן פון טויזנטער יאָר.

געגליט אין פייער און געזאַלבט —
אַ פאָלק, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַלט,
און איז מקבל די תורה אויף ס׳ניי
פון קאַלטן חרמון ביזן באַרג סיני.

ווי אַ מאַמע, דו האָסט זיי דערמאָנט
דעם גורל פון אייגענעם לאַנד:
אָן שלום — צוריק נישט קיין שפּאַן,
ישראל וועט נישט ווערן קיין עמק בית־שאן.

אין דער העכסטער גדולה און פרייד
בלייבן רואיק און שטיל דיינע רייד:
נישט פאַר מיר די טראָמפּייטן שאַלן,
נאָר פאַר די העלדן, וואָס זיינען געפאַלן.

יום-העצמאות

פון לענדער און שפּראַכן, מיט הויטן קאָלירטע —
אין צה"לס מונדירן, פון איין פאַרב באַצירטע —
דאָ זענען די יידישע שבטים פאַראַנען,
ווען אין דעם פּאַראַד הייבט אָן צה"ל צו שפּאַנען.

עס שפּילן אָרקעסטערס, עס בלאָזן פאַנפאַרן,
עס גייען די היטערס פון שונאס געפאַרן —
אויף אייגענער ערד, אין דער לענג, אין דער ברייט,
אין אייגענעם יום־טוב פון פרייהייט און פרייד.

אויך אַלע, וואָס זיינען אַוועק אין די פלאַמען —
איר אַלע זענט איצטער מיט אונדז דאָ צוזאַמען,
איר קוקט אויף אונדז איצטער דורך בראַנדיקן גלי
און זעט די מדינה אין ליכטיקן בלי.

די בלויווייסע פאָן און דער ליכטיקער הימל
דערגייען צו אייך אין דעם אייביקן דרימל,
דאָס האָט איר אייער לייב און בלוט אונדז געגעבן —
געפאַלן זענט איר, כדי מיר זאָלן לעבן.

עס הילכן די פּויקן, עס קלאַפּן די טאַצן,
צו פרייד פאַר די פריינד — און די שונאים צום פּלאַצן!
עס שפּילן אָרקעסטערס, עס בלאָזן פאַנפאַרן,
עס שפּאַנען די היטערס פון שונאס געפאַרן.

צו דיר צה״ל

אָן דיר, צה״ל, איז ניטאָ ישראל
אָן דיר, צה״ל, האָב איך ניט קיין ווערט
אָן דיר בין איך הפקר ווי אַמאָל,
בלייב ווידער אָן מיין היימישער ערד.

ביסטו, צה״ל, מיין אויג און מיין אויער
אין דיר, זע איך דעם נס, דעם גרעסטן
נאָך איידער דער פיינט קומט צו מיין טויער
צעשטויבסטו זיינע בעטאָנענע נעסטן.

זע איך, צה״ל, דיינע קליינע שטאָלענע פליגל
איבער מיינע בלויע הימלען פליען
דערהער איך פון ווייטנס דעם פייערדיקן ניגון
ווען ביים שונא די הויט נעמט גליען.

זיי דעריבער געבענטשט, צה״ל, מיין היטער,
וואָס צו סכנה ביסט שטענדיק גרייט
דו וואַרפסט אויפן פיינט פחד און ציטער
און באַשיצט מיין פעלד, מיין בייט.

איך בין נאָר אַ יידישער פויער
און פיינט האָב איך דעם קריגערישן פאַך —
ווען אָבער דער שונא וויל צעשטערן אונדזער מויער
דאַן רעד מיט אים, צה״ל, זיין אייגענע שפּראַך.

מײַן רחובות

צום אַכציק יעריקן יובל

דאַכט זיך, אַזוי באַפוילן האָט גאָט:
זון, גיס דײַן גאָלד אויף רחובות דער שטאָט!
און זון האָט געגאָסן איר גאָלד אויף די גאַסן
באַלד פון פאַר טאָג, ווען לבנה נעמט בלאַסן.

טרינק איך, ווער שיכור פון זוניקן ליכט,
אַ גאָלדיקער לאַך איך אין יעדן געזיכט.
אין יעדן בײַטאָג מיטן זוניקן גאַנג
שיט זיך אויף גאַסן דאָס גאָלד מיט געקלאַנג

פלוצים — אַנטקעגן מיר עמעצער גייט,
איך זע, ווי זײַן פנים טוט לײַכטן פון פרייד,
ס׳גליען די אויגן, ווי פײַער־בריליאַנט:
— שלום! — און איך זע, ווי ער שטרעקט מיר אַ האַנט.

זאָג איך: זע זהב! נעם נאָך און נעם!
באַקום איך אַ תשובה: כן, ברוך השם,
אַ דאַנק דעם רבונו של עולם, דעם האַר,
פאַר בלויזן דאָ זײַן איז גרויס שוין דער שכר.

זעסטו די טויאיקע ביימער און גראָזן?
דאָס איז דאָך בעצם בלויז רזין־דרזין.
עס שטייט דאָך געשריבן: מטל השמים —
אַז יעדן פרימאָרגן אַ וווּנדער אַ נייעם!

דאַכט זיך, אַזוי באַפוילן האָט גאָט:
זון, גיס דיין גאָלד אויף רחובות די שטאָט!
און זון האָט געגאָסן איר גאָלד אויף די גאַסן
באַלד פון פאַרטאָג, ווען לבנה נעמט בלאַסן.

פּרינצעסן שבת

עס זינגען די בערג, די טאָלן זיי שאַלן
ווען מיין מאַמע צינדט־אָן אירע שבת־ליכט.
אַ הייליקער חן שטראַלט פון איר פרומען געזיכט
און גיסט זיך אַריין אין די שקיעה־שטראַלן.

דער שבת קומט. לאָמיר גיין אים אַנטקעגן
ווי אַ חתן, וועל איך גיין צו דיר מיין כלה — שבת
עס זינגען די בערג און עס טאַנצן די וועגן
ווי ס׳זינגען די בלוטן אין מיר מיט התלהבות.

אָ כלה, דו מיין, דו טייערע פּרינצעסן
ביסט שיין ווי מיין מאַמע בעתן צינדן די ליכט
מיין תפילה צו דיר, ווייל דו לאָזט נישט פאַרגעסן,
דעם א ח ד אין מיר — מיין ליד און געדיכט!



מאַרק שאַגאַל ווען ער האָט באַזוכט רחובות

איך דאַנק דיר מיין גאָט וואָס האָסט מיר באַשערט
צו זאָגן: — שלום דיר אויף הײמישער ערד.
עס שוועבן די יידן דײנע צו מיר און איך אָטעם
ווי זיין איך וואָלט אײנער פון די געמאָלטע שבטים,

וואָס גייען מיט מיר איבער לענדער און צייטן
פון דיין וויגל פון וויטעבסק, זיי טאָן מיר באַגלייטן
און ווי די פאַרליבטע וואָס זיך קושן אין פליען
קוש איך דיין דאָ־זיין און בעט אַז ס׳זאָל בליען

דער בוים פון דיין לעבן אַלץ העכער זאָל וואַקסן
ווי אונדזער פאָלק, דורך שטורעמס און שלאַקסן
וואָס אויף היימישער ערד באַלעבט און באַנייט זיך
שיק איך מיין תפילה שלום! וואָס דערפרייט מיך.

שיר הבוקרים

אָ, סטעפּעס, מדבר־פּליינען אינעם אָבות־לאַנד
אונטערן הייסן, חמסינישן הימל
פון ווערעם און שלאַנגען און עקדיש־געווימל
ווי אונטער אַראַבישע אַבייעס
טויזנטער יאָרן —
מיר ברענגען אייך חיי״ס!

הידים ידי יעקב — די יידישע האַנט
זי וועט פון ווילדן בוש און דאָרן
אויסלעשן גאָטס צער און צאָרן
אומענדלעכן חושך — און ליכט
שטיין און זאַמד — און גרין
פאַר יעקבס טעכטער און זין.

אין אונדזערע צייטן, פאַר אונדזערע אויגן
וועט שטראָמען לעבן אין אַלץ
און זיס וועט ווערן דאָס וואַסער פון זאַלץ
און ווי אין ניגון צעצויגן,
ווי תפילות אין לידער געקלאַנג
און אין פלאַמיקע שקיעות דאָס פאַסטעך־געזאַנג.

און פון אייערע סטעפּעס, וויסטע שטחים
וועט אויפגיין אין בלומען נייער בטחון.

צעאַקערט וועט ווערן אייער יונג־מיידלשער טראַכט,
וו סטעפּ איז געוועזן, — וועט בליען מיט פּראַכט
פעלדער מיט ברויט פאַרן יידישן פויער
און פרייד וועט פאַרטרייבן צער און טרויער.
ס'וועלן שטראָמען וואַסער פון ירדנס קוואַלן
באַחנטע פון זונגאָלד מחיהדיקע שטראַלן.



המוביל

זאַמד און פעלדזן פון אַלע זייטן.
די ערד געווען וויסט און טרוקן
די זון — אויפן הימל דעם ברייטן.
און יעדעס געוויקס פלעגט זי שטיקן.

דער מענטש האָט געפירט אַ געראַנגל
פאַר ידערן גרעזל און זאַנגל.
איצט זיצט אַ געוועזענער היימלאָזער —
אַ ייד — אויפן הויכן בולדאָזער,

באַוועגט זיינע אָרעמס פון שטאָל,
פאַרוואַנדלט דעם באַרג אין אַ טאָל.
דער שווייס רינט אַראָפּ אים פון שטערן,
די שטאָלענע הענט הייבן רערן,

זיין האַרץ ווערט פאַרגאָסן פון פרייד:
דאָס גרינס וואַקסט אויף לענג און אויף ברייט
און פאַסטעכער פאַשען די פי
אויף טויאיקן גראָז אין דער פרי.

די קינדערלעך אין שאָטן זיך שפילן,
אוןביימער — די הייזער פאַרהילן.
געבענטשט איז פון בויער די האַנט,
וואָס באַוואַסערט דאָס זאַמדיקע לאַנד.

מ י י ן ג אָ ט

איך הער דיך אין מיין יעדן וואָרט און זילב
אין רעש פון אָדלער־פלי און אין קריך פון מילב
אין יעדער בלי פון בוים, אין יעדער גלי פון געזאַנג.
א נ ו כ י !

פון איבער אַלע וואָלקנס, איבער העכסטע הויכן,
פון די טיפסטע תהומות, קומט אַרויף צו טויכן
און גייט אַריין אין בלוט מיר, אין מיין קול און קלאַנג
א נ ו כ י !

איך בין אַ טייל פון דיר, פון דיין יסוד און הוד
און אָטעם איך די לופט, — איז זי דיין, מיין גאָט
ווי דיין ס'איז יעדער סוד, וואָס פאַרעמט מיין געדאַנק
א נ ו כ י — מיין גאָט !

די פיר

מיר בויגן דעם קאָפּ פאַר אייך העלדישע פיר
געפאַלענע נעבן תל־קציר.
איר האָט געוויזן דער וועלט
וו ס׳געפינט זיך דעם יידיס רוצח,
— נישטאָ מער קיין קידוש השם,
— נישטאָ מער קיין יידישער מזבח.

מיר ווילן מער ניט שטאַרבן מיט אַ טויט
אַפילו נישט פון גאָט געקושט
אויב יאָ, אין צער אין נויט,
איז מיט הייסן בליי און פייער
און מיט שונא׳ס בלוט געמישט.

צעשמעטערט האָט צה״ל די נעסט פון רויב,
געמאַכט פון זיי אַש און שטויב!
מבצר תוואפיק שטייט איצט שטום און שוואַרץ
אָבער ביי מיר,
צוליבן פאַלן פון די פיר,
בלייבט דער ריס אין האַרץ.

אומעטום ייד

(געווידמעט רחובות)

דעכער מיט הימלען,
הערצער מיט הימלען.

אין די פרימאָרגנס, ווען הענער קרייען
און לייכטע ווינטעלעך פלאַטערן, ווייען,
מיין האַרץ און נשמה צו דערפרייען
ווען איך זע :

גאַסן ווי הימלען
דעכער מיט הימלען
הערצער ווי הימלען.

אַלץ דרייט זיך אין אַ כישוף־ראָד
כ׳זע ווי עס זינגט דאָס האַרץ פון מיין שטאָט
און כ׳נעם זיך אויך פרייען
מיט גאָלדענע מאַראַנצן
אין קאַראַהאָד זיך דרייען
אין התלהבות טאַנצן :
אומעטום ייד,
אומעטום ייד,

אומעטום האַרץ און געמיט.
מיינע גאַסן — הימלען,
מיינע דעכער — הימלען,
מיינע הערצער — הימלען,
מיינע יידן — הימלען!

רוים און ירושלים

...און אַזוי האָט גערעדט שזר צום פויפסט אין מגידו:
— דו ביסט פון רוים געקומען און איך פון ירושלים.
זע, מיר באַמיען זיך אונדזער היימלאַנד צו באַנייען.

און דאָ, וווּ דיין שר האָט אויף דער ערד געלעבט
און זיין חלום פאַרן מענטש, מיט ליבשאַפט געשטרעבט,
האָט ער זיך געמוזט באַהאַלטן אין היילן —
טאָ פאַרוואָס ווילסטו נישט זען אונדז, נאָר טוסט זיך איילן?

שטום האָט ער פויפסט געשוויגן
נאָר שזר האָט ווייטער גערעדט מיט שטילן ניגון:
— זעסטו דען נישט, ווי דער שר אויפן קרייץ וויינט?
פאַרשטייסטו דען נישט, אַז ער האָט עפעס אַנדערש געמיינט?!

...עס האָבן דיינע הייליקע שאָף געפעלשט די געבאָטן
מיין פאָלק פאַרטיליקט, אין פייער געבראָטן.

מיר אָבער, אין גלויבן פאַרבליבן עקשנים
און כאָטש באַהאַלטן האָט גאָט פאַר אונדז זיין פנים,
דאָך גלויבן מיר ווייטער אין גאָט פון ישראל
ווי עס האָט אונדזער נביא געלערנט אונדז אַמאָל.

אַזוי האָסטו נשיא, מיט דיינע רייד געשאַלט
איך האָב דיך געזען אין אַ נביאיס געשטאַלט!

ב יי נ ע ר

(לויט יחזקאל ל״ז)

אין שטילן פלאַטערן פונעם אָוונט־ווינט,
איך הער ווי עס רופט מיך בלחש אַ קול !
— הער צו בן־אדם, פאַרנעם דו מענטשנס־קינד :
עפן די אויגן און זע, ווי עס שפּרייט זיך אַ טאָל,
דער עמק הבכה פון יידישן פּיין,
דער טאָל פונעם טויט און ווייסן געביין
צעזייט און צעוואַרפן שורה נאָך שורה
פון די מיליאָנען נישט געקומענע צו קבורה.

גיי איך און שווייג. מיין געשריי איך דערווערג.
נאָר פּלוצים, עס ווערט פונעם טאָל אַ ביינערנער באַרג,
וואָס הויבט זיך צו מיר פון וועגן און שטעגן
און ס׳הויבן די ביינער ווי מיט מיילער צו פרעגן :
— איז עס דאָס לאַנד פון אונדזער אַמאָל?
איז עס דאָס לאַנד פון היינט, פון ישראל ?

שוין נאָענט צו מיר, — איך פיל זייער אָטעם
זקנים און קינדער, פאַרשניטענע שבטים.
זיי גייען און גייען, ווי גאָט וואָלט באַפוילן
פון שטעט און פון לענדער, צו מיינסטן פון פוילן.
און ס׳ציען די מחנות ביז לער ווערט דער טאָל —
באַפרייען דאָס לאַנד פון ישראל !

לויט ישעיהו

(„ויהי באחרית הימים״)

גאָט רעדט צו אייך פון ירושלים, הערט:
ס'וועט נישט אויפהייבן איין פאָלק אויפן צווייטן קיין שווערד
אַקערס וועט איר מאַכן פון זיי, צו באַאַרבעטן די ערד.
פון די שפּיזן וועט איר מאַכן שערן,
די צווייגן פון וויינגאָרטן צו שניידן.
נישטאָ מער מלחמה, נישטאָ קיין ליידן,
נישטאָ מער פאַרציקונג, נישטאָ מער קיין רויב —
ס'וועט ווינען צוזאַמען שפּאַרבער און טויב.

ס'וועט לעבן צוזאַמען שפּין און פליג,
און עסן שטרוי וועלן לייב און ציג,
און גיין צוזאַמען וועט וואָלף און רינד —
פירן וועט זיי אַ פּיצל קינד,
ער וועט זיך שפּילן מיט דער שלאַנג,
און גאָט וועט הערן זייער געזאַנג,
פאַרשווינדן וועט די שנאה ביי שכנים
און ישראל מיט ישמעאל וועלן לעבן אין איינעם —
אמן ואמן!

מ ע נ ט ש

אדם באַטייט : מענטש —
איך, דו און ער.
אדם באַטייט : בענטש
דיין פרייד ווי דיין טרער.

אדם באַטייט : — בלוט
פון טיפסטן רויטן קאָליר.
אדם באַטייט : זיי גוט
איך צו דיר, דו צו מיר.

אדם באַטייט : האַרץ
וואָס קלאַפּט מיט לויב און לייד.
אדם: ווייס, ברוין, שוואַרץ —
פון גאָט אַליין דער באַשייד.

נ ח מ ה

(נחמה ליפשיץ געווידמעט)

אין דיין זינגען, אין יעדער אָקטאַווע,
הער איך ווילנע, ריגע, קאָוונע, פּאָלטאַווע.
אין יעדן וואָרט און אין יעדן טאָן,
הער איך דאָס שווייגן פון די דריי מיליאָן —

יידן פאַרשיקטע, אין אייביקן שניי
הער איך אין זייער שווייגן, דאָס גרעסטע געשריי.
פון די העכסטע בערג ביז די הימאַלאַיען
הער איך זייערע שווייגנדע געשרייען.

דו קומסט, פון יענער זייט וואַנט,
פון געוועזענע צאַרן, הייַנט דאָס רויטע לאַנד ! —
וו דער פּחד גייט נאָך, שריט און טריט,
זע איך אַלץ אין דיין ליד.

ווי אַ שטערן, זיך צופינקלט אומגעריכט,
און געבראַכט מיט זיך אַ קוועלעכל ליכט.
נאָר פונקט ווי איך אויך דו, דו ווייסט,
דעם טייטש פון וואָרט נחמה — טרייסט.



צום נייעם עולה

ביסט, ברודערקע, געקומען אַהער
נישט אַלס עמיגראַנט.
דו קומסט נישט ווי אַבי־ווער —
דו קומסט אין דיין לאַנד.

האָסטו, טאַקע, פריער נישט געווייטיקט אונדזער ווייטיק
ווען מיר זענען געשטאַנען אין באַפרייאונגס־בראַנד.
אָבער זיי נישט פאַרלעגן, עס איז נישט קיין שאַנד.
דו האָסט גאָרנישט פאַרשפעטיקט.

איז וואָס־זשע אַז מיר זענען געווען דאָ פריער
און אַלץ וואָס דו זעסט, — צוגעגרייט פאַר דיר?
מיין נישט אַז אַלץ איז פאַרטיק און קומסט צום גרייטן
ניין! אויך דו לייג צו אַ האַנט פאַר נאָך אַזעלכע, פאַר אַ צווייטן.

נישט מער: ביסט לענגער דאָרט פאַרבליבן,
בעת מיר זענען געקומען איידער מען האָט אונדז געטריבן.

איך ווייס: דו וואַרטסט אויף אַ וואָרט אַ צאַרטן.
יאָ, עס קומט דיר דאָס נאָך אַזאַ לאַנגן וואַרטן
און זאָל דיר, אגב, נישט זיין קיין חידוש
אַז איך רעד צו דיר יידיש.

וואָרעם פאַרשטיי ווען וואָס דאָ גייט:
יעדער ישוב, יעדע מויער
האָט זיך זיין שמחה, זיין פרייד,
זיין טרויער.

2.

גיב־זשע אַ קוק: אָט איז יפו, די אַלטע שטאָט
מיט אירע געסלעך און ראָגן,
פאַר יעדן שטיין איז געווען אַ בלוט־באָד,
פאַר יעדער מויער האָבן מיר געקעמפט, זיך געשלאָגן
אין די גרויע פאַרטאָגן,
בעת דער רעגן האָט געגאָסן, געכליאַפּעט
האָבן מיר — באַוואָפנט מיט האַנט־גראַנאַטן
אויף די צוימען זיך געדראַפּעט.

איידער מען האָט באַוויזן אָנצינדן די קנויט
האָט די קויל געטראָפן אונדזערע העלדישע יאַטן.
געבליבן זענען זיי הענגען אויפן צוים,
צו דערקענען קוים, —
פאַרגליווערט, טויט.

ווייטער פון יפו פירט צו מקוה ישראל דער וועג
רוצחים האָבן אַמאָל דעם פּלאַץ באַזעצט
געשחטן, געשאָסן, מיט אונדזער בלוט דעם וועג באַנעצט
און ווייטער — צו משמר השבעה, אויפן נאָמען פון די זיבן,

וואָס זענען געגאַנגען דעם וועג באַפרייען,
איז פון זיי געבליבן, —
אַ מצבה, ווו זייערע נעמען אויסגעקריצט שטייען.

ווייטער זעסטו דעם וועג, דעם נייעם,
וואָס פירט קיין ירושלים.
די גאַנצע לענג פון אָט דעם כביש
איז נאָך פון בלוט פריש.
דו זעסט אויטאָס ליגן איבערגעקערט
מצבות פון העלדן, וואָס גישט באַשערט
איז זיי געווען צו לעבן אויף אויסגעקעמפטער ערד.
געווען איז ירושלים באַלאַגערט, פאַרפראַלט ווי מיט אַ ריגל,
וואַסער האָט מען איינגעטיילט יעדער משפחה אַ קריגל
און אַלטע זיצן, גיסן טרערן.

די וועגן — פאַרשפאַרט דורך אַראַבישע לעגיאָנערן
מיט קריגלעך זענען מאַמעס נאָך וואַסער געלאָפן
און פון שונאס קוילן דעם טויט געטראָפן
איטלעכס ברייטל האָט מען אין צוועלף מיילער צעריסן
דאָך ווייס, ברודער, אפשר פונעם גרויל דערציילן אַ מידער,
אַז מיר האָבן זיך מיט אַ חבר געטיילט מיטן לעצטן ביסן.

אַזוי איז געווען די נויט. און אָט פון יעדן באַרג
האָבן אַראַבער געשאָסן צו אונדז אין קאַרק.
דער שונא איז געזעסן אויבן, און מיר אונטן אויפן כביש,
געזען האָט ער יעדן ריר פון אונדז, ווי ביי זיך אויפן טיש.
מאַשין־געווער האָבן ווי שלאַקס־רעגנס מיט פייער געשפּיגן,
אויטאָס האָבן זיך איבערגעקערט, ניט באַוויזן צו ירושלים דערגיין,

אַזוי פלעגט טעג און וואָכן
דער טויט, אין די פאַרבלענטע אויגן פּאָכן.
בלוט איז געֶרונען גאַנצע ימען
און מיר האָבן געברענט אין צרות־פלאַמען.

מיין נישט, ברודער, אַז איך האָב שוין אַלץ דערציילט,
די ווונדן זענען פרישע נאָך, זיי זענען נאָך נישט פאַרהיילט
וואָס־זשע? דיין אויג פאַרציט אַ טרער?
קאָנסט נישט הערן מער?

אָבער דו ווילסט וויסן גאַנץ גענוי
פאַר וואָס אַ יונגער קאָפּ איז גרוי?
טאָ הער —
געווען איז עס אַמאָל
נאָך פאַר דעם געבורט פון מדינת ישראל.
דעמאָלט האָבן מיר אַ זעלבסטשוץ געהאַט
מיט אַ נאָמען אַ רייצנדן אַזאַ
אַן אירגון פול מוט און טאַט —
ה־ג־נה.

אין די פאַרנאַכטן ווען טונקל ווערן די שפּיצן פון די ביימער
האָבן מיר ביי יעדן וועג
געשטעלט וואַך אַ שומר,
אַ סך מאָל האָט די לבנה
פאַרגרעסערט די סכנה
ווען מען האָט זיך אויפן בויך געשאַרט

מען זאָל נישט באַמערקן דעם אייגענעם שאָטן
וואָס האָט זיך גערוטשט דורכן פּרדס, דורכן גאָרטן
מיט שער־צוואַנגען האָבן מיר געשניטן שטעכל־דראָטן.

געווען איז אויף יעדן צענטן בלויז איין געווער
וואָס ? שוין ווידער אַ טרער ?
מיין נישט אַז דאָס וואָס איך דערצייל דיר איז איבערגעטריבן
ניין, עס איז שרעקלעך געווען, אָבער מיר זענען דאָ געבליבן,
ווייל מיר האָבן פאַרבונדן דעם גורל מיטן לאַנד,
כאָטש יאָרן לאַנג,
יאָרן נאָכאַנאַנד
האָבן מיר געלעבט צווישן ענגלישן האַמער און אַראַבישן צוואַנג.
די ענגלענדער האָבן פאַרשלאָסן פאַר אונדז די טויערן,
זיי האָבן געמיינט אַז אַזוי וועט אייביק דויערן.
עס איז אַ סך מאָל איבעריק געווען אויפן לייב דאָס העמד :
געווען ביי זיך אין דער היים און דאָך אין דער פרעמד.

דו הערסט מיך רעדן מיט האַס און צאָרן
ווייל עס איז מיר איינגעקריצט אין זכרון
דאָס ווילדע ברומען פונעם ים אין יענע פינצטערע יאָרן
בעת שיפן פלעגן קומען
מיט רעשטלעך פון דער געשחטענער אומה
און בגנבה געמוזט אַראָפּ אין אייגן לאַנד ביים זאַמדיקן ברעג,
ווייל פאַרשפאַרט איז זיי געווען אין אייגן לאַנד יעטוועדער וועג
געלעגן זענען מיר ביים ים־ברעג, געפרעסט צו זיך ס׳געווער
אָנגעשטרענגט דעם בליק, דאָס געהער.

וואָס ווידער? ביסט אומרואיק? עס ציטערן ביי דיר די הענט?
טייערער ברודער, דאָס איז בלויז אַ פראַגמענט!
איצט זע ווי די לבנה שמייכלט און זאָגט:
„קוק ווי אין דיין היים טאָגט".
אין דרום איז דער הימל רויט.
דאָרט האָט זיך אָקאָרשט אַ נייע שטאָט, — אילת, — געבויט.
און אין גאַנצן לאַנד האָט זיך דאָס פאָלק פון שלאָף געוועקט,
דעם מדבר צעאַקערט און מיט גרינס אים באַדעקט.

עס ווילט זיך דיר נישט גלויבן,
אַז דיין פאָלק האָט זיך אַזוי דערהויבן?

יאָ, באמת, ביסט מער נישט עמיגראַנט
דאָ אין דיין היים, דיין לאַנד.
אָבער נישט אַלץ איז שוין פערטיק, דו קומסט נישט צום גרייטן.
לייג אויך דו אַ האַנט צו, כדי צו העלפן אַ נייעם, אַ צווייטן.

רעגן

שטורעם רעגן פון די הימלען
טריף אַריין אין ערדנס שוים
— ברענג באַנייאונג און דערפרישונג
פון דער טיפעניש אַרויס.

ס'וואַרטן פעלדער אויף דיין ברכה
ס'וואַרטןביימער אויף דיין טריף
און עס בענקען מענטשן מידע
און זיי בעטן פון דער טיף

זאָל דער דונער הילכיק רוישן
זיין זאָל בליץ — אַ פייער־שווערד
און פאַרשרפען און פאַרלענדן
אַלדאָס שלעכטס פון דער ערד.

אונדזער וועלט אַ שיף אין שטורעם
אונדזער לעבן — אַש און גרוי
בעט איך רעגן ברענג מיר ווידער
אויף מיין הימל זון און בלוי.

אַ בריוו

אַ בריוול פון מיין זון געשריבן
איך טוליע אין מיין האַנט.
פאַסט־פאַך הונדערט זיבן,
ערגעץ ווייט אין לאַנד.

מיט ביקס, ווי מיט זיין לעבן,
ער היט באַרג און טאָל.
ווייל זיין איז יעדער זאַמדל
פון זיין לאַנד ישראל.

...„עס האָבן זיך די שונאים
אין שותפות מיטן טויט
פאַרשווירן צו פאַרניכטן
דאָס לעבן אונדז, דאָס ברויט.

ווי ווילדע כיענעס זיי שרייען
אין נעכט, נאָך זייער רויב —
...נאָר אונדזערע טאַנקן גייען
צעמורשן זיי אויף שטויב.

אָ, טאַטע, כ׳קאָן ניט שרייבן,
נאָר יעדעס וואָרט איז הייס —
מיט אַלע מיינע ברידער
איך פיל עס און איך ווייס

אַז ס׳איז מיין ביקס, מיין לעבן
אין איצטיק שווערער שעה.
זי וועט אונדז ברענגען שלום
זי וועט אונדז ברענגען רו.

— — — — — — — —

איך לעז דאָס קלײנע בריוול
וואָס ציטערט אין מיין האַנט
פעלד־פּאָסט הונדערט זיבן
ערגעץ ווייט אין לאַנד.

דעם שונא אַנטקעגן

האָט שווייס זיך געמישט מיט דער טרער
פון זומפּ איז געוואָרן אַ בייט.
דער פּיאַש איז געווען מיין געווער,
דאָס גרעזל כ׳האָב באַגריסט מיט פרייד.

און קרענץ אָנגעטאָן אויף די קעפּ
פון ווייץ, וואָס געשענקט האָט די ערד —
די זאַנגען פון מדבר און סטעפּ —
און איר האָט געשאַרפט אייער שווערד.

אין גלי פונעם מדבר פאַרברענט,
ביים טאַנק פון אַ שווערן קאַליבער,
איך וואַרט מיט צוויי שטאָלענע הענט
און קוק צו דעם שונא אַריבער.

מיין פאָלק האָט אַ גוטן זכרון,
דורך דורות געגאַנגען אין גאַנג,
זינט אַברהם אַוועק איז פון חרן —
אונדז טויטן איז אייער פאַרלאַנג.

איר שיט אויף אונדז קוילן אַ האָגל,
זייעט טויט טאָג און נאַכט, נאָכאַנאַנד.
נאָך בלוטיקן וואַנדער און וואָגל,
מיר שטייען איצט ווידער אין בראַנד.

איר מיינט, ס'וועט אייך אָנקומען גרינג?
דריי מאָל שוין האָט איר זיך פאַרמאָסטן,
איצט גרייט איר זיך ווידער צום שפּרינג —
אויך דאָס מאָל וועט טייער אייך קאָסטן.

פאַרהיילט נאָך נישט זיינען די וווּנדן
פון רציחות די אומגעריכטע —
מיט הערצער אין פייער געצונדן
מיר שרייבן די נייע געשיכטע.

צוריק — מיר וועלן ניט גיין,
צוריק — איז אַ סוף צו דעם גאַנג.
אין אָנהויב פון לעבן אַליין —
צוריק איז דאָך אונדזער פאַרגאַנג.

אין יאָרן פון גלות און וואָגל,
ווען מ'האָט אונדז אָן אויפהער געטריבן,
מיר האָבן דעם חומש געטראָגן
און ער ביז איצט מיט אונדז געבליבן —

פאַראַן אַזאַ קלייניקער זשאַר,
וואָס בלאָזט זיך פאַנאַנדער אין פלאַם.
אַזוי איז די פרייד אינעם צער
פונעם האַלב־פאַרברענטן שטאַם.

אַן עמוד־האש אינעם גאַנג
דורך טויזנטער, טויזנטער יאָר.
דער „אני מאמין" איז אונדזער געזאַנג
פון בראשית ביז היינטיקן דור.



צעריסענע הימלען

די זון האָט פֿאַרענדיקט איר קרייז פֿון דעם טאָג —
איך זע, ווי דער טאָג גייט פֿאַרלוירן.
און ווידער אַ קבר, און צער, און פּלאָג
פֿון קינדער, וואָס היטן די טויערן.

אַלע צייט־ווייזערס — זיי שטעלן זיך אָפּ,
אין רוים אַלע וועלטן — זיי לעשן זיך אויס,
ווען איך זע אַ מאַמע מיט אַ גרייז־גרויען קאָפּ
ביים קבר פֿון זון, וואָס זי האָט געטראָגן אין שויס.

די הימלען צעררייסן זיך איבער מיין קאָפּ.
די טרערן — נישט טרערן, נאָר בלוט פֿון די אויגן.
פֿון הימלען די אָפּענע קומט גאָט אַראָפּ
און קניט, כביכול, פֿאַרן קבר געבויגן.

אונדזער יצירה

װען איך זאָל האָבן אַזאַ קראַפט
אויפצוהויבן אונדזער לאַנד,
װאָלט די גאַנצע װעלט געגאַפט,
װאָס ס'איז געװאָרן פון זומפ און זאַמד.

— קוקט זיך צו אויף אונדזער יצירה,
זעט, װי מיר בויען און זינגען שירה.
נישטאָ מער קיין הייזקעס פון ליים,
נאָר פרעכטיקע הייזער אין אונדזער היים.

כ'װאָלט בויען אַ טורעם פון אייזן,
בכדי פאַר דער װעלט צו באַװייזן,
בכדי עס זאָל דאָס דערזען אַ יעדער —
דאָס װעלדל איז אונדזער בעלװעדער.

תל־חי, װו עס ליגט אונדזער ריז,
איז אונדזער פאַנטעאָן פאַריז;
כנרת אין בלויען געשוים
איז אונדזער ריװיערע אין טרוים.

באַװונדערט זשע אונדזער יצירה,
װי מיר בויען און זינגען שירה.

מײַן װײַנגאָרטן

װען מײַן װײַנגאָרטן צעבליט זיך
און ס'רײַפן די שטענגעלעך מיט חן,
און ס'קושט זײ די זון מיט שײַן, —
דעמאָלט מײַן האַרץ צעגליט זיך.

דעמאָלט שװימט איבער אין מיר אַ פרײד
װען כ'זע, װי עס צײַטיקט מיט לעבן
יעדער בוים, יעדער צװײַג און שטרעבן, —
בענק איך אויך װי זײ צו װערן באַנײַט.

אַז דער גאַרטן, דער בוים פון מײַן לעבן
זאָל װערן פון הימלען געקושט
מיט שפע טל, פון װינטעלעך דערפרישט
און ליב זאָל זײַן מײַן יוגנט־װײַן.

װען מײַן גאַרטן צעבליט זיך
און עס רײַפן די שטענגעלעך מיט חן
מײַן האַרץ מיט שירה צעבליט זיך
װי מײַן װײַנגאָרטן מיט יוגנט־װײַן.

יי ד י ש

קלייב איך די יידישע אותיות צוזאַמען
פון אַלע פאַרבאָרגענע ערטער —
די תפילה פון טאַטן, די תחינה פון מיין מאַמע —
און ס'ווערן פון אותיות ווערטער.

דאָס פייער פון פריפעטשיק וועט זיך נישט פאַרלעשן,
אַזוי ווי דער רויטער באַגינען.
מיר וועלן די יידישע שפּראַך נישט פאַרגעסן —
אין לעבן זי וועט זיך פאַרשפּינען.

די שונאים, זיי ווילן, מיין לשון זאָל שווייגן,
זיי טענהן, אַז יידיש לעבט קוים.
נישט אמת! עס שפּראָצן אַרויס נייע צווייגן
פון אַלטן האַלב־חרובן בוים.

און פונקט ווי אין אַלטע אַמאָליקע צייטן —
ביי יידן איז דאָס נישט קיין חידוש:
אַמאָל פלעגט אַראַמיש העברעיש באַגלייטן
וועט איצטער באַגלייטן זי יידיש!

6 מיליאָן — 6 טעג

(אַ כראָניק)

ויהי, און עס איז געווען אין יאָר
טויזנט ניין הונדערט זעכציק זיבן,
האָבן זיך די אַראַבישע פעלקער פאַרקליבן —
צו פאַרטיליקן דאָס פאָלק ישראל, —
אַזוי ווי פרעה פון חומש אַמאָל,
אָפּמעקן אונדזער אַלטן שטאַם —
פאַרגאַזעווען, שחטן און וואַרפן אין ים.

מיר, וואָס טראָגן זעקס מיליאָן פּאַקלען —
אין אונדזערע ציטערדיקע הענט —
מיר, געבליבענע פון די וואָס מען האָט —
לעבעדיקערהייט — באַגראָבן און פאַרברענט,
מיר וואָס האָבן אָנגעהויבן אונדזער לעבן,
דורך אַזוי פיל גרויליקע טויטן,
פון זעקס מיליאָן פּיינלעכע קלאָג,
האָבן זיך אָנגעצונדן זעקס מיליאָן קנויטן
און געפירט צה״ל — אַ מיליאָן אַ טאָג.

די מאַמע רחל האָט אירע הענט געשטרעקט,
און יעקב פון חלום געוועקט:
יעקב! גענוג געחלומט, שטיי אויף!
יעקב! יעקב! יעקב!...

איז יעקב געלאָפן מיט טריט מיט פלינקע,
אין אוישוויץ, מײַדאַנעק, טרעבלינקע;
דער נביא יחזקאל, מיט גרויס צער
איז אַוועק אין בוכענוואַלד און באַבי־יאַר.
— שטיי אויף! ישראל איז אין געפאַר!
ס׳רעדט דער נביא יחזקאל, אַזוי זאָגט גאָט.
יעדע רגע איז אַ שאָד.
שיקט פריער אײַערע פליער,
און אַ מיליאָן וועט היטן דעם חיל אוויר.
צעגליט זיך דער מדבר־דאָרן ביי די פליער,
ווייל דאָס פאָלק און לאַנד איז זיי טייער,
פליען זיי צום שונא פריער,
און צעשמעטערן זייערע שפּאַרבער,
מיט בליי און פייער.

עס דויערט דער קאַמף דריי שעה,
און דעם שונאס באַמבערס זיינען מער נישטאָ.
און אויב דו הערסט אַ גערויש אויפן הימל,
שרעק זיך ניט, דאָס איז דיין אַווירון,
ווייל עס היט אים אַ מיליאָן.

צנחנים! ס׳רעדט צו אייך דער בן־נון,
וואָס האָט אָפּגעהאַלטן פון גאַנג די זון:
מיר וועלן דאָ פירן אַ קאַמף מיט דעם לעגיאָן,
פאַר אונדז גייט אַ מיליאָן!

נאָך אַזוי פיל פינצטערע דורות
וועט איר אָנצינדן אַלע מנורות.
די גאַנצע וועלט זאָל וויסן:
ירושלים איז פון אייביק אונדזער
נאָר מען האָט זי פון אונדז אַוועקגעריסן.

ווייסט! אויך פון אונדז
וועלן פאַלן קרבנות מסתמא,
נאָר די שונאים צווינגען צו מלחמה.

און ס'פאַלן אונדזערע צנחנים,
ביי צלח־אַדין און הר הזיתים
ביי אַ־טור, און פאָסט־מויער,
ביי ראָקפעלער־מוזעאום און מאַנדלבוים־טויער.

ס'פאַלן קינדער פון ישראל
וואָס ווילן ניט שטרעקן דעם האַלדז
בלויז צו גיין אויף קידוש־השם.

אויב שוין יאָ אַ קרבן —
זאָל זיין ביים שונא טויט און חורבן:
דער מוזעאום שטייט אויף אַ באַרג
און אַנטקעגן — אַ הויכער מויער.

דער שונא — דערווייל נאָך שטאַרק, —
זאָל אונטן — דער דורכגאַנג
זיין צום לייבן־טויער!

אַחרי! — האָט ווער געשריגן —
מיטן לעצטן געשריי, געבליבן ליגן.

און ס'רייסט זיך צום בית־הספר לשוטרים
אַ נייער כוח פון צנחנים,
און זיי נעמען אין קלעם
דעם שונא, וואָס קעמפּט ביים שער־שכם.
אַחרי! דאָ קומט אַהער!
דאָ איז גבעת־התחמושת —
דאָס בערגל פון געווער;
דאָ מוז מען קעמפן!
דער שונא האַלט שוין
אין די לעצטע קרעמפּן.

דער שונא בלוטיקט, אַנטלויפט,
אונדזערע זין זיי טרייבן.
און אַזוי קומען מיר צום טויער
פון די צוויי לייבן.

ס'דערהערט זיך ווי די לייבן ברומען:
זיי קומען! זיי קומען!
כ'האָב זיי נעכטן געזען אויפן הר־הצופים —
דאָס זיינען זיי, די יידישע צנחנים.

איך זע זיי ביי שייח־ג'ארח
מיט בלוט שרייבן זיי אַ נייעם תנ"ך.
און כאָטש זיי ליגן, פאַראַשט אין טרויער,
פאַרברענטע, דאָ נעבן אונדזער טויער.

צוקאָפּנס — אַ שטיינערנער קישן,
וואָס טוליעט מיט ליבשאַפט קאָפּ נאָך קאָפּ
און ס'לויפן די לייבן פון דער מויער אַראָפּ,
און שרייען אויס זייער געשריי פון נצחון
און פאַרוויגן זיי מיט אַ נייעם שיר־השירים
און ס'רייסט זיך אַדורך צום הר־המוריה
דער, וואָס מיר וואַרטן אים דורות־לאַנג —
דער דערלייזער פון אונדזער שקיעה
אונדזער משיח אויף אַ גרויסן טאַנק.
אויפגעפראַלט איז דאָס טויער ברייט
און עס שטראָמען אור־אור־אור־אייניקלעך,
וואָס קייטלען פון דור־דורות
אונדזער יידישע גאָלדענע קייט,

און באַלד — צום כותל־המערבי
דורך די געסלעך שמאָלע.
עס וואַרט אויף זיי ירמיהו הנביא
צו קושן די ברעגגער פון גאולה.

און וויפל יצחקס עס זיינען געגאַנגען
די אייניקלעך פון אייביקן יצחק
אויף דער איצטיקער עקידה —
און ס'רעדט ירמיהו: גאָט זאָגט מיר אַזוי:
איר זייט באַשאַפן ניי, ריין ווי טוי.
געענוג דורות מיט תשעה־באָב.
איר זייט אַלע צדיקים, אַלע לאַמעד־וואָוו.

עס שפּאַלט זיך דער הימל. אליהו
קומט אויף זיין פייערדיקן וואָגן.
הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן:
עס איז געקומען די גרויסע שעה!

נאָר פאַרוואָס זיינען די געוועזענע
נאָך נישט דאָ?
און ס׳הויבן אָן צו קומען קינדערלעך
פון חדר, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן דעם אַלף.
און די אומשולדיקע, געשוחטן פון חלף.

און ס׳קומען אָן פאַרוויקלטע בלעטלעך,
ווי אָפּגעשיילטע בלעטער פון קרויט;
דאָס זענען די אַבאַזשורן, געמאַכטע
פון אונדזער יידישער הויט.

און אַרום זיי, אַרומגענומען, ווי אַ רייף,
פּירקאַנטיקע שטיקלעך יודען־זייף
און אַלע, וואָס האָבן געטרונקען מיט טויט „לחיים״,
קומען זיך פרייען מיטן באַפרייטן ירושלים.

און ווען ס׳פּאַלן די ערשטע שטראַלן
פון דער מזרח־זון,
קומט דער בן־נון,
וואָס האָט דעם לעגיאָן באַזיגט
פאַר אים איז געגאַנגען אַ מיליאָן.

די שכינה קלאָגט און נעמט זיי
אַלע אַריין אין איר שויס,
די גיבורים, געפאַלן,
אין זייער לויף פאָרויס.

און ס׳ציטערט אין חלל
דער שכינהס: שמע ישראל —
— איך פאַרלאָז אייך נישט מער
קיין מאָל, קיין מאָל!

אַ דין-תורה

(פראַגמענט)

די פיר ווענט פון לייט, דאָס דעכל פון שטרוי
דורכן פענצטערל קליין, טונקל בלוי און גרוי.
פון די וועגן, וואָס קומען פון באַרג און טאָל
צום שטיבל פון זאַמד־פירער ישראל.

גאָר ווינציקע האָבן די שטעגלעך געקענט
נאָר אין שעה פון חצות, האָט אַ פייערל געברענט
און ס׳איז איבערן תהילים מיט פאַרוויינטע אויגן
געזעסן דער נסתר ר׳ ישראל געבויגן.

געוויין און געקלאָג האָט די הימלען צעריסן
— כ׳וויל דיך פרעגן באַשעפער, איך גאָר עס צו וויסן
— פאַרוואָס האָסטו דיין פאָלק, די שטילע טויב
— געוואָרפן די שונאים צו פאַרציקן און צו רויב?

— פאַרוואָס האָסטו דערלויבט, אַז דיינע געליבטע קינדער
ברית בן הבתרים, ווי אַ ייד צו דערקענען,
זאָל ווערן פאַרלענדט דורך רוצחים און שינדער
דורך טמאים, אין גאַז־קאַמערן געפירט צו פאַרברענען?

— טאַטעניו גרויסער! הער די געשרייען
ווער וועט דיין נאָמען מיט בלוט זיינעם הייליקן?

ווער וועט אין די שחריתן שירה דיר זינגען
אויב ביזן לעצטן וועסט לאָזן זיי פֿאַרפּייניקן
מיט די לעצטע שמע ישראל זיי זאָלן אויסגיין
און אין די פֿייערן פֿון טויט זיי לאָזן שפּרינגען?

— שכינה, דו טייערע, דו הייליקע שכינה
עס זוכט דיך מיין מאַמע מיט איר לעצטע תחינה
דער טאַטע, מיטן פּסוק גדולה נקמה
שנתנה בין שתי אותיות.
זיין קאָנען נישט מקבל זיין דיין דין
צו פֿאַרברענען זיי, די ספֿרי תורה׳ס מיט די פּרוכתן.

רבון עולמים, דורך יידן ביסט דאָך געוואָרן געהייליקט
און דו האָסט זיך געגרויסט מיטן עם הסגולה
טאָ פֿאַרוואָס האָסטו דערלאָזט, אַז זיי זאָלן געפּייניקט
ווערן מיט די מיתה׳ס פֿון חנק, הרג, שריפֿה און סקילה?...

חדר - יאָרן

פון די גוטע חדר־יאָרן
דער סנה נאָך אין מיר גליט.
און עס זינגט אין מיין האַרצן
מיין חדר, מיין ליד.

וואָרקען ווי אַ טויב מיר
פון חומש די גראַמען
זיי נעמען אַרום מיך
ווי מיט גלויבן, דעם מאמין.

אין די וואָלקנס פון הימל
איך זע זיי באַהאַלטן
פון מיין טייערן עבר
די זיידעס געשטאַלטן

אַברהמען איך זע איצט אין זוניקן פלאַם
און הער פרעגן יצחקן: — וווּ איז די לאַם?
און אין דער פייערדיקער שקיעה
שפּאַן איך מיט מיט זיי צום הר המוריה.

איך זע זיי, די שטיינער
און הער זייער קריגן:
ווייל יעדער פון זיי וויל נאָר
יעקבס קאָפּ זאָל אויף אים רוען און ליגן.

אַ וואָלקן גייט אויס
און ס׳שווימט אָן אַ צווייטער
און מיט די מלאכים גיי איך
אַרויף אויף דער לייטער

וואָס פירט מיך צו הימלען
ווו דער סנה אין מיר גליט
און וואַר ווערט מיין חלום
ווי מיין שטיל חדר־ליד.

ל אָ ד ז ש

אַ באַשיידענע מצבה

פאַר מיין פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברידער און מיין פאַרצווייגטער משפּחה יעראָזאָלימסקי, און מיין פרויס משפּחה וויינשטיין.
פאַר די טייערע יידן פון מיין היימשטאָט לאָדזש — אומגעקומענע על קידוש־השם ועל קידוש־השם, אין די פינצטערע יאָרן ת״ש ביז תש״ה, דורך די דייטשישע רוצחים, הי״ד, אָמן.

אָ, גאָט, פונעם ליד! דערפריש מיין זכרון
נאָך אַלע פאַרגאַנגענע צענדליקער יאָרן.
אין פינצטערע נעכט, ביזן סוף נישט דערשלאָפן,
זאָל אויפגיין דאָס לעבן, וואָס איז דאָרט פאַרלאָפן.

איך זע די פאַרפייניקטע בלאַסע געזיכטער
פון יידן די פרומע, פון עמך, פון דיכטער.
איך דריי זיך פון צער, פון ווייטיק, אין קנוילן —
דערמאָן זיך אין לאָדזש, אין מיין היימשטאָט פון פוילן.

איך בין נישט געווען אויפן מולך־מזבח,
נאָר איך פיל נאָך אַלץ פונעם קרבן דעם ריח,
איך בין נישט געווען ביי דער גרויזאַמער שחיטה,
נאָר איך זע די פלאַמען פון אויוונס צעגליטע.

און ווען פונעם פייער מיין אויג איז פאַרבלענדט,
דערזע איך מיין הויז און דערקען דאָרט די ווענט — — — —
די נאַכט ווערט פאַרענדיקט, די נאַכט הייבט אָן בלייכן,
און דעמאָלט דערזע איך פון הימל אַ צייכן:

און אַלץ, וואָס איז נאָר אינעם דמיון פאַרבליבן,
זאָל ווערן אויף אייביקע דורות פאַרשריבן —
דאָס לעבן, די צרות, די שרעקלעכע גרוילן —
דער ביטערער גורל פון יידן אין פוילן.

— — — — — — — — — — — — — —

די תורה פלעגט דאָרט אין די גאַסן שפּאַצירן,
די שכינה איז מיט גלות געגאַנגען געאָרעמט,
און יידן מיט יחוס בלויז פלעגן זיך צירן —
די יידן די לאָדזשער — סיי רייך און סיי אָרעם.

און פון די ישיבות, פון שטיבלעך, חדרים,
מיט לעדער־געבונדענע ש״סן און ספרים —
דאָס לערנען צעפּראַלט האָט די טויערן אויבן
מיט פרייד־התלהבות פון יידישן גלויבן.

אויף הילצערנע בענק, מיט אַ פויסט פאַר אַ קישן,
מיט עסן שבתים ביי פרעמדלעכע טישן —
פון אייגענעם ווילן געגאַנגען אין שפּאַן,
געפילט אין דער תורה דעם טעם פון מן.

— — — — — — — — — — — — — —

לאָדזש מיט די קוימענס, צעשטרעקט אין דער הויך,
וואָס שפּייען דאָרט תּמיד מיט אַש און מיט רויך,
טראַמווייען און אויטאָס, וואָס יאָגן זיך ווילד —
פון דאָרט גרייכט אַ ניגון צו מיר אַזוי מילד.

דאָס קומט פון אַ יידישער שטוב אַ געזאַנג,
און ס'וויגט זיך דער ניגון לייכט־לייכט, ווי אַ זאַנג.
און איך — אויף אַ ווײַלע ווערט גוט מיר אַזוי,
ווי די זאַנג אויפן פעלד, ווען זי וואַשט זיך אין טוי.

— אמר אביי, האָט אביי געזאָגט,
— אוי, אשרי, האיש — האָט אַ צווייטער געקלאָגט,
— ואני, כאָטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה —
האָבן קינדער געזונגען מיט שטימעלעך קלאָרע.

•

נאָר דאָרט, אויף קאַשטשעלנע, דער גלאָק האָט געקלונגען.
דאָרט פרעדיקט דער גלח און העצט אויף דאָס פעוול:
דער זשיד האָט פאַרכאַפּט, און דער זשיד האָט פאַרשלונגען,
מען דאַרף אים פאַרטרייבן מיט פייער און שוועבל.

געלאָפן אַהיים זיינען קינדער דערשראָקן.
עס קלינגען מיט אימה פון קלויסטערס די גלאָקן,
און ס'ווערן די גאַסן מיט גויים פאַרפלייצט —
זיי טראָגן דאָרט יעזוס, פון יידן געקרייצט...

און נאָך אים — אַ מאַסע מיט אייזערנע שטאַנגען,
מיט שטאַבעס, מיט לאַמען, מיט האַמערס פון שמידן.

זיי זינגען די הייליקע קלויסטער־געזאַנגען
און שרייען: די יידן! אַ טויט זיי, די יידן!

— — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָבן זיי דאָרטן די שנאה פאַרזייט,
דער דייטש איז געקומען — איז אַלץ געווען גרייט.
דערפאַר אויך איז פוילן געוואָרן דאָס לאַנד,
ווו היטלער געשיקט האָט די יידן צו בראַנד.

אַזוי זיינען יידן אַוועק אין די פלאַמען,
ווי אַמאָל ר׳ חנניה מיט דער תורה צוזאַמען — — —
און איך, אין פאַרטאָג, מיט פאַרבלענדעטער ראיה —
מיר דוכט זיך: דאָס ליכט אינעם הימל רייסט קריעה...

דער פויפסט

א׳

„אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט,
שיק איך אייך, לבנונער קריסטן, מיין טרייסט.
איר האָט דאָך נישט מער, ווי איין יידן פאַרלענדט,
און זיי — אַזוי פיל פאַרמעגן פאַרברענט".
אַזוי האָט דער הייליקער פאָטער געשריבן —
געשוויגן, ווען מען האָט צו דעם טויט אונדז געטריבן.
די וועלט וועט דורך יידיש בלוט ווערן דערלייזט —
מיט דעם האָט איר גלויביקע תמיד געשפייזט.
אין יעטוועדן קלויסטער, אויפן זעלביקן אָרט,
הענגט אַ ייד אין די וונדן, אַן עדות פון מאָרד.
אין קעלערס געפייניקט מיט ווייטיק און קלעם —
מיר זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם.
די נעגל פון פינגער איר פלעגט אונדז דאָרט ציען —
צו בייגן דעם קאָפּ, פאַרן צלם און קניען.
נאָר וואָס מער איר פלעגט אונדז פאַרפייניקן, שעכטן —
מיר פלעגן דורך דורות די יידישקייט פלעכטן.
גלחים אין קיטלען, מיט צלמים אין הענט.
זיי זינגען אַ ליד, ווען דער שייטער נאָך ברענט.
אין גאַז־קאַמערן כאָרכלען און שטיקן זיך גאָרגלען.
דער פויפסט זיצט אין רוים און הערט שפּילן די אָרגלען.
אונדזערע טעכטער געגוצט פאַר פעלד־הורן.
אונדזער הויט געגוצט פאַר לאָמפּן־אַבאַזשורן,
אונדזערע טויטע געלאָזן פאַר הינט און קעץ,

און פאַר אייך זייף געמאַכט פון יידישן פעטס.
קליינע עופּעלעך צעריסן, ווי נאַר געבוירן,
די האָר פון אונדזערע פרויען אָפּגעשוירן,
צו מאַכן פאַר די אַריער מאַטראַצן,
פּלעגסטו אויך יידיש בלוט מיט גאָלד שאַצן?
געהייליקט איר האָט אונדז אַזוי אומגעשטערט:
אין איין האַנט — דער צלם, אין דער צווייטער — די שווערד.
ביז איר האָט אַ דריטל פון אונדז אויסגעראָטן,
דאָס אַש, אַנשטאָט מיסט, אויף די פעלדער געשאָטן.

ב'

ווי מענטש צו אַ מענטש רעדט, ווייל איך דיך איצט פרעגן:
איז ווייניקער ווערט יידיש בלוט — ווי פּאַרמעגן?
פאַרוואָס האָט דער הייליקער פאָטער געשוויגן,
ווען ס'האָבן געפּייניקטע יידן געשריגן?
ווען מ'האָט אונדז קיין אוישוויץ געפירט מיט די באַנען
און שפּעטער געעפנט אויף אונדז די גאַז־קראַנען,
ווען מענגעלע האָט אונדז מושטרירט: רעכטס און לינקס —

געשוויגן האָסט דו, ווי דער מצרישער ספינקס.
דו האָסט געשוויגן ווען שיפן מיט יידן געבליבענע
אויף די ימען ווי קרעציקע געטריבענע,
די רעשטלעך פון אַ געשחטענער אומה
געלאָזט אַפילו דערטרינקען די שיף „ס ט ר ו מ א".

ס'געפעלט דיר נישט, פאָטער, און אויך נישט דעם שכן:

מיר זיינען געבליבן, דערצו — אַ נצחון !
דערפֿאַר אויך אַ סך פֿון געוועזענע פֿריינט,
זיי ווערן איצט אונדזערע שונאים פֿון הײַנט.
אויף אונדזערע קברים זענט איר גרייט צו קומען,
אויף זיי בלויז איר ווילט אונדז באַוואַרפֿן מיט בלומען,
נאָר מער וועלן מיר אייך צוליב שוין נישט טאָן —
אַן אויג פֿאַר אַן אויג, און אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן !
און אייער געזעץ וועט אונדז קיין מאָל געפֿעלן :
מען שלאָגט דיך אויף איין באַק — די צווייטע אויפֿשטעלן...
מיט דעם האָט זיך אייער אומה געגרויסט —
און אונדז געלאָזט פֿילן איר האָט אייער פֿויסט...
מיר ווילן קיין מוסר פֿון אייך מער נישט הערן.
ווען עמעצער שלאָגט אונדז — מיר וועלן זיך ווערן.
דאָס פֿייער פֿון סנה וועט נישט אויפֿהערן ברענען —
איר וועט איצט די ייִדן שוין מער נישט דערקענען !

אויף חורבות פֿון אונדזער אַמאָליקער וועלט,
מיר האָבן אַ היים דאָ פֿאַר זיך אויפֿגעשטעלט.
איר מוזט זיך געוווינען צו אָט דעם געדאַנק :
אַ ייִד ביים האַרמאַט און אַ ייִד אין דעם טאַנק !

מ אַ מ ע   ע ט ל

דער הייליקער מאַמען עטל פראַנק (קיפּער)
געווידמעט

מאַמע עטל,
דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אין דער ברוסט —
געשלאָגן האָט דיין לעצטע שעה.
די שטוב איז פאַרלאָזן און פוסט —
ביזט געווען, ביסט מער נישטאָ.

אין לודמיר, אין בונקער באַהאַלטן,
דעם טויט פון אונדז האָסטו געטריבן,
און דעמאָלט, אין ווינטער דעם קאַלטן—
מיט שניי אונדז די קערפּערס געריבן.

דורך טעג און חדשים אין גריבער —
ווי אַ מלאך דו פלעגס אַרום אונדז שוועבן
מיט פאַרטריקנטע ליפּן אין פיבער:
— איר וועט לעבן, לעבן, לעבן!

און איין מאָל — אַ היץ ווערט אין בונקער,
די פייכטקייט דאַרט הייבט אָן צו קאָכן — — —
מיר זיינען אין פלאַקער און פונקען —
פון קעלער אַרויסגעקראָכן.

דער דייטש האָט אַלץ אונטערגעצונדן.
דאָס שטעטל געהילט איז אין פלאַמען.
דיין טריישאַפט בלויז האַלט אונדז פאַרבונדן,
דיין ליבשאַפט — זי האַלט אונדז צוזאַמען.

דו פירסט אונדז אַרויס פון געפאַרן,
דו הערסט נישט אויף פלאַטערן, שוועבן
און טרייסטן אין פיינען און צערן:
— איר וועט לעבן, לעבן, לעבן!

מאַמע עטל,
ביסט געווען, ביסט מער נישטאָ.

ירושלים — באַפרייט!

פון אונדזערע טרערן, געשטראָמט ווי אַ ים
פון אונדזערע תפילות, געלייטערט אין פלאַם
פון אונדזערע פיינען און לעצטע געשרייען
קומען די העלדן דיך איצט צו באַפרייען
ירושלים!

אויף דיינע בערגלעך און טאָלן
אין דיינע געסלעך די שמאָלע
וואָר ווערט דער סוד פון קבלה
פון משיח וואָס איילט־צו זיין גיין
צו דיר ירושלים!

פייערדיק רויט, ווי בלוט איז די שקיעה
און יעדעס בערגל ווערט דער באַרג פון מוריה
און יעדער ייד, וואָס צוליב דיר איז געשטאָרבן
איז טויזנט מאָל הייליקער, ווי פון אַברהמען דער קרבן
ירושלים!

משה בראָדערזאָן

ווער בין איך, פון דיכטער דער מינדסטער,
אַז איך זאָל באַשרייבן דעם קינסטלער ?
נאָר איך האָב דערזען אומגעריכט
אין שאָטן — זיין איידל געזיכט.

ווי אַ סאָסנע אין לייכטן געשאָקל,
מיט באַקנבערד, מיט אַ בינאָקל,
אויף אַ פינגער דער גרויסער סיגנעט —
דאָס איז בראָדערזאָן דער פּאָעט

אַדורך איז אַזוי פיל שוין יאָר.
צי איז עס אַ חלום, צי וואָר ?
איך זע אים אין נעפל פאַרוועבט.
איך ווייס : ער איז טויט — און ער לעבט.

די ליכטיקע אויגן — פאַרלאָשן.
ער מורמלט, איך הער קוים זיין לשון.
די ווערטער, ווי גליענדע קוילן
פון יידן פאַרברענטע אין פוילן.

ער דערמאָנט זיי — פון קלענסטן ביז גרעסטן,
נישטאָ זיי, און לער זייערע נעסטן.
זיי האָבן געבויט פרעמדע שלעסער —
איצט רינט זייער בלוט פונעם מעסער.

ער האָט יעדעס וואָרט אויסגעשמידט.
זיין רעדן געוואָרן איז ליד.
איצט איז ער איין בוים אינעם וואַלד,
און אַנדערש אַזוי זיין געשטאַלט.

זיין פּנים מיט די הענט ער פֿאַרשטעלט.
ער רעדט נישט צו מיר — ער באַפֿעלט:
זיי רואיק, כ'וועל לאַנג נישט פֿאַרבלייבן —
איך וויל נאָר, דו זאָלסט עס פֿאַרשרייבן.

אַ דריי מיטן קאָפּ און אַ בליק —
און ס'לויפֿן די יאָרן צוריק:
ער זאָגט מיר: ס'וואָלט גאָרנישט געשאַט,
דערמאָנען דו זאָלסט „אַררט״.

ער שרייט נישט — ער רעדט אַזוי שטיל,
נאָר שרייבן מוז איך, וואָס ער וויל:

„הו! הו! זאַווערוכעס,
הו! הו! צעקאָכטע יוכעס.
וואַסערטרעגער טראָגן וואַסער,
טראָגן, וואַסער, מים חיים,
בשורות זיינען זיי מבשר:
ס'וועט זיין איבעראַל ירושלים!״

אַ רגע דערזע איך אַ ייד,
וואָס ווערט אין דער שקיעה פאַרגליט.

האַרבסט - מאָטיוון

געווידמעט אריה רייז ז״ל

די נאַכט צעפלעכט אירע שוואַרצע צעפּ
און שאָטנס שפּאַנען פון ווענט און טרעפּ.
די זון פון דיין זומער פאַרלעשט די טעג
און פאַרשפּינט דיך אין טרויער און שרעק.

דער הימל — פאַרכמאַרעט, בלאַס און מאַט,
און ס׳ציטערט אין פּיין יעדער בוים און בלאַט.
אַוועק איז דער זומער, פאַרפלויגן שנעל,
מיט אַ פּנים פון צער — דיין האַרבסט אויף דער שוועל.

עס פינקלט אין דיין אויג אַ זילבערנע טרער,
נאָר פאַלן, פאַלט זי אַראָפּ אַזוי שווער.
ווערט טרויעריק דיין האַרץ און ציטערט אין שרעק,
און ס׳גייט דיין לעבן מיטן האַרבסט אַוועק.

אַ פליער

אַלץ שנעלער און העכער, דורך הייזער און דעכער,
צו הימלען אַ טילון אַרויפצו זיך שניידט,
און גיך, ווי אַ בליץ, ער פליט איבער מיין קאָפּ.
אָט בלענדט ער אין רוים, און אָט זינקט ער אַראָפּ.

און באַלד הייבט ער ווידער זיך אויף און פאַרשווינדט,
און רייסט דורך אַ וואָלקן, ווי אַ שטורמישער ווינט:
אָט שווימט ער אַ גלייכער, און אָט ווי אַ שלאַנג —
אָט פליט ער אַריין גאָר דער זון אין פאַרגאַנג.

ער טראָגט זיך אַרויף אָן אַ ברעג, אָן אַ ענד,
און איך קאָן נישט קוקן — דער הימל פאַרבלענדט.
און עפּעס נעמט נאָגן, מיין האַרץ ווערט פאַרקלעמט:
ער זאָל נישט פאַרפליען צו ווייט — אין דער פרעמד...

איך האָב אים פאַרלוירן אַ ווייל פון מיין בליק,
און ביז איך דערלעב צו דערזען אים צוריק —
איך קאָן, ווי פאַרגליווערט, פון אָרט נישט אַוועק,
איך גיי כמעט אויס פון מיין אַנגסט און פון שרעק.

און ערגעץ אין שטוב אַ מאַמע ווערט בלאַס —
זי טראַכט איצט געוויס פון איר זון דעם טייס...

דאָס בלוט פונעם נעגער

אַ געיעג פון יעגער
אויף סאַרנעס אין וואַלד.
אַ שאָס —
און די סאַרנע ווערט קאַלט.

דאָס בלוט פונעם נעגער.
ס'איז טונקל זיין הויט.
מען זאָגט, אַז זיין בלוט איז רויט.
און דאָס איז די מעשה

פון שוואַרצע און ווייסע:
די ווייסע — דריי מיליאָן,
די שוואַרצע — צוועלף.
ווער זיינען די וועלף?

אויך מיר האָבן געשריגן:
אונדזער בלוט איז רויט!
און די וועלט האָט געשוויגן,
געקוקט, ווי מען פירט אונדז צום טויט.

איצט וועלן מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט
און פאַרגעסן,

אַז ערשט נעכטן
האָט מען אונדז געשאָכטן און געברענט ?
דאָס בלוט פונעם נעגער —
אויך זיין בלוט איז רויט.

זאָג מיר, מאַמע

גערוויזמעט מיינע איניקלעך רחלה, רז, קרן, רעות.

זאָג מיר, מאַמע,
איך וויל דאָס פרעגן שוין פון לאַנג,
איך וויל שוין לאַנג דיך פרעגן:
פון וואַנען ווייסט די זון די וועגן —
אַלע טאָג דעם זעלבן גאַנג?

איך זע אַ גרויסן רונדן פלאַם,
וואָס וואַשט פאַרנאַכט זיך אינעם ים.
פון דאָרט שווימט אָן אַ באַרג אַזוי גרויס
און קומט צו דעם ברעג — אין בלעזעלעך בלויז.

זאָג מיר, מאַמע,
איך וויל דיך פרעגן:
פון וואַנען ווייסט דער באַרג די וועגן?

און נאָך אַ זאַך מוזטו מיר זאָגן:
פון וואַנען קומט די זון פאַר טאָג'ן
און ווו באַהאַלט זי זיך ביי נאַכט?
מאַמע גיב אַ טראַכט.

הורה

דזשונגאַליאַ !!
פאַנטאַזיאַ !
כאָטש מיר זיינען
קרוע־בלוע,
ס'פייער ברענט נאָך
אינעם דאָרן
ווי אין אונדז —
צו אייך, דער צאָרן.
אויגן — צו
די הערצער גליען
ניין, מיר ווען מער נישט קניען !

אַקסל צו אַקסל
געפלאָכטן די הענט
מיר זיינען געהאַרטעוועט
אייזן, צעמענט,
מיר זיינען די ווענט
און מיר זיינען די טורעמס
וואָס בלייבן און לייכטן
נאָך יעטווערן שטורעם,

דזשונגאַליאַ
פאַנטאַזיאַ
אויגן — צו
די הערצער גליען
נייִן, מיר ווען מער נישט קניען.

רמת־השרון, 1937

לילה - לילה

עברית: נתן אלתרמן
יידיש: יצחק ירושלמי
מוזיק: מרדכי זעירא

צום אָנדענק פון די צוויי פאַר־
שטאָרבענע חברים קינסטלער
נתן אלתרמן און מרדכי זעירא.

לילה לילה, די ווינטן בלאָזן
לילה לילה, אויף בוימער און גראָזן
לילה לילה, די נאַכט איז געדיכט
שלאָף, שלאָף איין, פאַרלעש דאָס ליכט
לילה, אַ שטערן זינקט
שלאָף, שלאָף איין, צו דיר ער ווינקט.

לילה לילה, פאַרשליס דיינע אויגן
לילה, עס האָבן געצויגן
לילה, לילה, דריי רייטער אַהער
שלאָף, שלאָף איין, זיי פליען מיט געווער
לילה, אַ שטערן זינקט
שלאָף, שלאָף איין, צו דיר ער ווינקט.

לילה לילה, געפאַלן איין רייטער
לילה לילה, פון שווערדן דער צווייטער
לילה פון דריטן קיין שפור
שלאָף, שלאָף איין, פאַרגעסן אין דיר
לילה, אַ שטערן זינקט
שלאָף, שלאָף איין, צו דיר ער ווינקט.

לילה לילה, עס שטורמען די ווינטן
לילה לילה, די הימלען ווי טינטן
לילה לילה, טאָ וואָרטזשע ניט מער
שלאָף, שלאָף איין, דער וועג איז דאָך לער
לילה, אַ שטערן זינקט
שלאָף, שלאָף איין, צו דיר ער ווינקט.